**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ראה יט מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת ראה, י"ט מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

**די מצוה פון צדקה עפענען די טויערן פון שפע**

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער. אין די וואכעדיגע פרשה שטייט, חלילה וחלילה: "כִּי יִהְיֶה בְךָ אֶבְיוֹן מֵאַחַד אַחֶיךָ" – עס וועט זיין איינער פון די אידישע קינדער וואס וועט זיין ארעם, איינער פון דיינע ברידער, "בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ בְּאַרְצְךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ". זאגט די תורה הקדושה: "לֹא תְאַמֵּץ אֶת לְבָבְךָ" – זאלסט נישט פארהארטעווען דיין הארץ, "וְלֹא תִקְפֹּץ אֶת יָדְךָ" – פארמאך נישט דיין האנט, "מֵאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן" – פון דיין ברודער דעם ארימאן. עפן אויף דיין הארץ, עפן אויף דיין האנט, און געב אים.

די תורה זאגט דאך ווייטער, פארוואס? "כִּי פָתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לוֹ" – ווייל דו זאלסט עפענען דיין האנט אים צו געבן; "וְהַעֲבֵט תַּעֲבִיטֶנּוּ" – אויב ער וויל נישט נעמען קיין צדקה, געב אים א הלוואה; "דֵּי מַחְסֹרוֹ אֲשֶׁר יֶחְסַר לוֹ" – געב אים גענוג ער זאל האבן אלעס וואס עס פעלט אים.

פרעגט דער אור החיים הקדוש: לכאורה רעדט מען דא דאך פון א פארשטאפטע הארץ און א פארמאכטע האנט. זאגט די תורה: געב אים, כדי דו זאלסט עפענען דיין האנט. אבער ער האט דאך א פארשטאפטע הארץ און א פארמאכטע האנט! גיט מיר די תורה אן עצה: עפן אויף דיין פארשטאפטע הארץ ווייל איך וויל דו זאלסט עס עפענען? וואס איז דער פשט דערפון? אזוי פרעגט דער אור החיים הקדוש.

נאר וואס דען? דער אור החיים הקדוש ענטפערט אזוי: עס שטייט א פסוק אין משלי (יא, כד) "יש מפזר ונוסף עוד". דורך דעם וואס א מענטש עפנט אויף זיין האנט און ער גיט א ביסל, עפענען זיך פאר אים די שערים און טויערן פון שפע. דאס איז דער פשט פון דעם טעם די תורה זאגט: פארהארטעווע נישט דיין הארץ, פארשטאפ נישט דיין הארץ, און מאך נישט צו דיין האנט. ווייסטו פארוואס? ווייל עס ווארט דיר אפ א גרויסער אוצר. דער אוצר איז יעצט נעלם און באהאלטן, אבער אז דו וועסט עפענען דיין האנט, דעמאלטס וועסטו זען דעם גרויסן אוצר. "והעבט תעביטנו", זאגט דער אור החיים הקדוש, אז אויב דו עפנסט דיין האנט – אפילו אויב דו גיסט נישט קיין מתנה נאר בלויז א הלוואה – וועט דער אייבערשטער דיר שוין באצאלן מיט אסאך הוספות. דאס איז דער פשט פון דעם טעם.

**פארשידענע וועגן וויאזוי א איד קען געבן צדקה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, געבן צדקה פאר א צווייטן קען מען אויף אסאך אופנים: **מען קען עס געבן מיט געלט, מען קען עס געבן מיט א שמייכל, מען קען עס געבן מיט א גוט ווארט, מען קען עס געבן דורך אויסהערן יענעם, מען קען עס געבן דורך מוחל זיין, דורך סובל זיין און פארטראגן אנדערע אידן, דורך זיך אוועקגעבן פאר א צווייטן איד, און דורך מבטל זיין דעם "אנכי" פאר יענעם. עס זענען דא אזויפיל וועגן וויאזוי מיר קענען געבן צדקה פאר אנדערע אידן.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די תורה הקדושה זאגט: אויב דו שפירסט א פארשטאפטקייט אדער א פארמאכטקייט, שטארק זיך און געב! איינמאל דו וועסט אנהייבן צו געבן, וועט זיך עפענען א שפע און דו וועסט קענען געבן פיל מער.

אסאך מאל איז שווער צו געבן א גוט ווארט פאר יענעם, א שמייכל, זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן, פארגינען, האבן אן עין טובה, מוחל זיין, אדער טון א טובה פאר א צווייטן איד. זאגט די תורה הקדושה: עפן דיך אויף! געב א ביסל, זאג א גוט ווארט, אפילו א קליין ווארט, געב א שמייכל, צווינג דיך און געב זיך אוועק פאר יענעם אויף וועלכע אופן שבעולם, און דאס וועט עפענען די טויערן פון שפע.

עס וועט דיר קומען אזא שפע אז דו וועסט קענען געבן מיט די ריכטיגע געפילן און מיט א געשמאק. דו וועסט האבן די השפעות, א שפע אין געלט, א שפע אין ווערטער, און א שפע אין געפילן. דו וועסט האבן די כוחות מוחל צו זיין און וועלן זיך אוועקגעבן פאר א צווייטן איד, מקיים צו זיין "ואהבת לרעך כמוך".

**די מחסורו אשר יחסר לו: די מעשה פונעם דובנער מגיד**

מ'פארציילט אויפ'ן דובנער מגיד אז איינמאל איז ער געקומען צו א גרויסן גביר, וואס איז אויך געווען א גרויסער למדן, און ער האט אים געבעטן געלט פאר פדיון שבויים. דער עושר האט אויפגענומען דעם דובנער מגיד בסבר פנים יפות און גערעדט מיט אים אין לערנען; עס איז געווען א געשמאקע שמועס, אזוי ווי עס פאסט פאר'ן דובנער מגיד. דער מגיד האט אנגעהויבן אריינצוציען דעם שמועס איבער די מצוה פון צדקה, און דער עושר האט געהאט געוואלדיגע רעיונות אויף די פסוקים איבער די מצוה פון צדקה. דער דובנער מגיד זאגט אים חידושים, און דער עושר ענטפערט אים צוריק מיט זיינע אייגענע חידושים.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ראה יט מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דער דובנער מגיד האט געזען אז דאס גייט נישט נעמען קיין סוף; דער עושר האלט נישט ביים געבן קיין געלט, ער איז נאר גרייט צו רעדן מיט אים אין לערנען ווי לאנג ער וויל. האט זיך דער דובנער מגיד אנגערופן צום עושר און געזאגט: "איך וויל אייך פארציילן א מעשה. אין א ווייטע מדינה איז נישט געווען קיין צוויבל. דארט האט נישט געוואקסן קיין צוויבל, זיי האבן עס קיינמאל נישט געזען און נישט געהערט דערפון. איין טאג איז אהין געקומען א גאסט און ער האט מיטגעברענגט צוויבל. די שטאטס-לייט האבן געזען די צוויבל און זיך זייער געפרייט, און זיי האבן עס אפגעקויפט פאר א גרויסן סכום געלט. זיי זענען געגאנגען און עס איינגעפלאנצט, און עס האט אנגעהויבן וואקסן דארט צוויבל."

עס איז געווען נאך איינער, אן ארימאן, וואס האט געהערט אז אין יענע מדינה האט זיין חבר געמאכט א גרויסן סכום געלט ווייל ער האט אהין געברענגט צוויבל, און מען האט אפגעקויפט די צוויבל פאר אסאך געלט. ער האט גענומען קנאבל און איז געפארן אין יענע מדינה צו ברענגען די קנאבל. די מענטשן דארט זענען געווען אזוי בשמחה אז ער האט געברענגט קנאבל; עס איז געווען אזא וויכטיגע זאך פאר זיי, זיי האבן עס קיינמאל נישט געזען. זיי האבן געטראכט: וואס קען מען אים באצאלן? וואס קענען זיי אים געבן? זיי האבן באשלאסן אים צו געבן די טייערסטע זאך וואס זיי פארמאגן. וואס האבן זיי אים געגעבן? א צוויבל!. ער האט געברענגט קנאבל, און זיי האבן אים געגעבן א צוויבל.

זאגט דער דברי מגיד: דו טוסט די זעלבע זאך; איך זאג דיר א תורה, און דו געסט מיר צוריק א תורה. עס שטייט אבער אין די תורה: "די מחסורו אשר יחסר לו". איך האב דברי תורה, דאס פארמאג איך שוין, וואס עס פעלט מיר איז געלט. אויב דו ווערסט מיר געבן געלט, וועסטו מיר געבן דאס וואס עס פעלט מיר באמת.

הייליגע לעכטיגע קינדער, דער מוסר השכל איז הערליך שיין. **ווען דו ווילסט עפעס געבן פאר א צווייטן איד, גיב אים נישט דאס וואס דו טראכסט אים צו געבן, נאר גיב אים וואס אים פעלט טאקע.** אזוי פיל מאל טרעפט מען אז מענטשן זאגן: "איך האב מיך צעריסן פאר יענעם, איך האב מיך אוועקגעגעבן פאר אים, און איך האב אזוי פיל געטון פאר יענעם." ס'איז טאקע אמת, **אבער ווען דו ווילסט באמת געבן פאר א צווייטן, גיב נישט לויט דיין אייגענעם געדאנק, נאר גיב דאס וואס יענעם פעלט.** אויב יענעם פעלט תורה און ער וויל לערנען תורה, זאלסטו אים געבן תורה; אויב יענעם פעלט געלט און ער דארף געלט, זאלסטו אים געבן געלט; אויב יענעם פעלט א חברותא, ווער מיט אים א חברותא; אויב יענעם פעלט א שמייכל מיט א גוט ווארט, שטעל אים צו א שמייכל מיט א גוט ווארט. אויב יענער וויל מען זאל אים מוחל זיין, מען זאל אים סובל זיין, מען זאל אים אנערקענען, מחשיב זיין און רעספעקטירן – גיב אים פונקט דאס וואס ער דארף. נישט וואס דו טראכסט אז ער דארף, און נישט וואס דו האלטסט אז ס'איז יושר אדער אז ס'קומט אים. וואס יענער דארף באמת, דאס שטייט אין די תורה אז מען זאל יענעם געבן.

**דער קאצקער רבי פשט אין גמילת חסדים**

איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגן קאצקער, און דער קאצקער האט אים זייער מכבד געווען; ער האט אפילו געמאכט א סעודה לכבודו. ביי די חסידים איז דאס געווען א וואונדער, ווייל זיי האבן געוואוסט אז דער קאצקער האלט נישט פונעם איד אזוי שטארק ווי ער איז אים מכבד. זענען זיי געגאנגען פרעגן דעם הייליגן קאצקער פארוואס ער איז דעם איד אזוי מכבד. האט ער געענטפערט, אז עס שטייט אין די גמרא אין מסכת כתובות דף ס"ז אויפן פסוק "די מחסורו אשר יחסר לו", אז מען דארף אים געבן אפילו א פערד צו רייטן אויף אים, און אפילו אן עבד זאל לויפן פאר אים.

דארף מען דאך פארשטיין: בשלמא א פערד צו רייטן דערויף קען מען נאך פארשטיין, ווייל אפשר איז דער ארימאן נישט געזונט, אדער ער איז שוואך און האט נישט קיין כח צו גיין צופוס, ממילא דארף מען אים צושטעלן א פערד. אבער א קנעכט זאל לויפן פאר אים? דאס איז דאך סתם א תאוה און א נארישקייט? פארוואס זאגט די גמרא אז מען דארף דאס אויך געבן? אלא מאי, זעט מען פון דא אז אפילו פאר א שוטה דארף מען ערפילן זיינע שטותים, און אפילו פאר א ספק שוטה דארף מען אויך געבן זיינע שטותים, ווייל דאס איז א חלק פון גמילת חסדים.אזוי האט דער הייליגער קאצקער געזאגט.

**איר הערט וואס דא קומט ארויס? דער הייליגער קאצקער לערנט אונז אז אונזער ארבעט איז נישט יענעם צו מאכן פאר אן אויס-שוטה, יענעם אנצולערנען אדער יענעם צורעכטצושטעלן. מיר דארפן זיך אוועקגעבן פאר יענעם לויט זיין באדערפעניש, "די מחסורו אשר יחסר לו" – דאס וואס אים פעלט.**

דאס שטעלן מיר צו. וואס יענער האט צו טון, דאס איז זיין תפקיד. אונזער תפקיד איז צו געבן פאר א מענטש וואס מיר קענען מיט לייב

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ראה יט מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

און לעבן, מיט הארץ, מיט געפילן, מיט רעספעקט און מיט חשיבות.

**לעבן מיט אמונה פשוטה און די כח פון שלום**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! איר ווייסט, כדי צו קענען צוקומען צו די מדרגה, און כדי מען זאל דאס קענען מקיים זיין מיט אלע הידורים און חומרות, דארף א איד לעבן מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן. גלייבן אין די תורה, גלייבן אינעם אייבערשטן, און גלייבן אין דעם אייבערשטנ'ס קינדער. מיר טוען עס נישט ווייל עס איז שכלי, און מיר טוען עס נישט ווייל מיר פארשטייען עס מיט אונזער חכמה, בינה און דעת; מיר טוען עס מיט אונזער תמימות. אזוי שטייט אין די תורה, אזוי שטייט אין חז"ל, אזוי האבן אונזערע צדיקים געזאגט און אזוי האבן זיי זיך געפירט. דאס איז וואס מיר טוען: "התהלך עמו בתמימות".

**די מעשה פון די שכנים און די סגולה פון שלום פאר א רפואה**

הייליגע, לעכטיגע, אידישע קינדער! עס איז געווען א בנין וואו עס האבן געוואוינט אסאך שכנים, און די שכנים האבן געלעבט, ברוך השם, מיט אהבה ואחוה, שלום ורעות. זיי האבן זיך געשפילט צוזאמען, זיך משתתף געווען ביי שמחות, און עס איז געווען ממש ווי איין משפחה, ברוך ה' וברוך שמו. איין טאג האט איינער פון די שכנים אנגעהויבן בויען, אבער ער האט נישט געפרעגט קיין רשות פון די אנדערע שכנים. אוי, באשעפער אין הימל! אסאך מאל לאזט זיך עס נישט גלייבן: נעכטן זענען זיי געווען צוויי גוטע פריינט, און היינט זענען זיי די גרעסטע שונאים, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. עס איז געווארן אזא פארביטערטקייט, אזא צוקריגטקייט, פירוד לבבות, מחלוקת, קנאה און שנאה. וואס איז געשען? ער בויט אן די רשות פון די אנדערע שכנים. די מחלוקת איז געווען געפערליך; פון א הערליכן בנין, פון א הערליכן מקום קדוש, איז געווארן – דער אייבערשטער זאל אפהיטן – ממש א שאול תחתית פון קנאה, שנאה, תחרות און לשון הרע. רכילות, דער אייבערשטער זאל אונז שומר ומציל זיין.

א איד וואס האט געוואוינט קעגנאיבער דעם בנין, ווען יעדער האט זייער ליב געהאט און געשעצט, איז אריבערגעקומען און געזאגט פאר אלע מענטשן וואס וואוינען אין דעם בנין: "איר ווייסט, איר קענט דעם שכן קעגנאיבער? לאמיר אים רופן ר' זרח." "ווער קען נישט ר' זרח? א צדיק פון א איד, א תלמיד חכם, א טאטע פון קינדער, גאר א חשוב'ע משפחה. אוודאי, ער וואוינט נישט אין דעם בנין און ער בויעט נישט צו איז יעדער געווען פרייליך מיט אים"

פארציילט דער שכן אז לא עלינו ולא עליכם, ער איז געווען ביים דאקטאר, און דער דאקטאר האט געזאגט אז ער האט געזען אויף די בילדער אז לא עלינו ס'האט זיך אים אריינגעכאפט די שרעקעדיגע מחלה, די נישט גוטע מחלה וואס קיין איד זאל נישט האבן, נאר אלע גויים. דער מצב איז איום ונורא; א יונגער מענטש, א טאטע פון קינדער, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, די הארץ איז צוריסן.

די שכנים הערן אים אויס און זיי זאגן: "אונז וועלן מיר דא מאכן מנינים תהלים. מ'וועט איינטיילן תהלים פאר אלע מענער, פאר אלע פרויען, און פאר די יונגערע קינדער. מיר גייען טון וואס מ'קען איינרייסן ביים הייליגן באשעפער פאר א רפואה שלימה פאר דעם שכן קעגנאיבער." יעדער האט אים דאך אזוי ליב.

האט ער געזאגט: "זייער גוט," און ער האט געגעבן דעם נאמען פלוני בן פלונית מ'זאל טאקע מתפלל זיין. "אבער," זאגט ער, "איך האב נאך אן עצה." "וואס איז די עצה?" פרעגן זיי. זאגט ער: "עטץ זאלטס שלום מאכן, עטץ זאלטס מאכן שלום!" ער איז צוגעגאנגען צו איין שכן און אים געזאגט: "גיי בעט איבער דעם אנדערן שכן, בעט אים איבער." יענער טראכט אהער, ער טראכט אהין, זאגט ער אים: "דו ווייסט, איך זאג דיר, דיין שכן וויל אויך שלום מאכן מיט דיר. לאמיר עס טון פאר א סגולה, פאר א רפואה צו ראטעווען א לעבן פון א איד." און אזוי האט ער שיין אריינגערעדט צו אים: "מאך א מסירות נפש, ברעך זיך פאר'ן אייבערשטנ'ס וועגן. דער אייבערשטער האט נישט ליב קיין מחלוקת, די כלי מחזיק ברכה איז דאך שלום." נאכדעם איז ער געגאנגען רעדן צום אנדערן איד: "איך בעט דיר, דיין חבר וויל דיך אזוי שטארק איבערבעטן, טו עס צו ראטעווען דאס לעבן פון א צווייטן איד." און אזוי האט ער משפיע געווען אויף דעם גאנצן בנין. מ'האט זיך איבערגעבעטן, מ'האט זיך מוחל געווען, עס איז צוריק געווארן אהבה ואחוה ושלום ורעות, און מ'האט אנגעהויבן זאגן תהלים פאר דעם שכן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווייסט איר וואס עס איז געשען? דער שכן איז געגאנגען איבערמאכן די בילדער און איבערמאכן די בלוט-בדיקות, **און מזל טוב! ברוך ה' ברוך הוא, הודו לו ברוך שמו, עס איז נישטא קיין זכר פון די מחלה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער איד איז מאריך ימים ושנים, ער לעבט, ער האט נאך קינדער, ער פירט קינדער אונטער די חופה. הודו הוי' ברוך הוא, הודו הוי' ברוך הוא.**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ראה יט מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר טראכטן א מינוט. ווען מיר דרייען זיך ארום מיט שווערע הערצער, ווען מיר זענען אפגעהאקט איין איד פונעם צווייטן, ווען מיר רעדן לשון הרע און רכילות, מ'בארעדט און מ'קאכט זיך קעגן א איד. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז נישט נאר אז עס איז נישט מבטל קיין גזירות, נאר דאס ברענגט דאך גזירות.

**התעוררות פאר חודש אלול: מוחל זיין און שלום מאכן**

לאמיר אלע, לכבוד דעם יום הדין הממשמש ובא – די וואך בענטשט מען שוין ראש חודש אלול – זיך דערוועקן, עס כאפט דאך א פחד! מ'גייט שוין שרייען "אלול, אלול!" וואס מיינט אלול? א זמן התעוררות, א זמן פון תשובה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אלע נעמען אויף זיך זיך צו פירן ריכטיג, כדי עס זאל נישט זיין קיין מחלות; און אלע וואס שפירן נישט גוט, זאלן האבן א רפואה שלימה; אלע וואס דארפן זיווגים הגונים, זאלן טרעפן זייער זיווג; אלע וואס דארפן זרע של קיימא, זאלן זוכה זיין דערצו; און אלע וואס דארפן פרנסה, זאלן האבן השפעות. **וויאזוי? הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, בעטס אייך איבער! זייטס יעדן מוחל**, האבט אויף קיינעם נישט קיין פאראיבל, און בעטס איבער ווען מ'דארף איבערבעטן. און טאמער חלילה וחלילה ביסטו אפגעהאקט מיט דיינע קינדער, אדער מיט דיינע עלטערן, אדער מיט אנדערע בני משפחה, אדער אפילו מיט חברים און שכנים, מאך שוין שלום!

דאס וועט ברענגען אז מיר זאלן אלע זוכה זיין אז די בריאים זאלן נישט קראנק ווערן און די חולים זאלן געהיילט ווערן. עס וועט משפיע זיין א געוואלדיגע השפעה פון א כתיבה וחתימה טובה שוין פאר אונז פריוואט און פאר כלל ישראל בכלל. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז דו גלייבסט אז אלעס איז פונעם הייליגן באשעפער און "אין עוד מלבדו" – גארנישט, גארנישט קען א איד נישט טון אליין, גארנישט! אלעס איז א שליחות פונעם איבערשטן. קיינער קען דיר נישט ווייטון, קיינער קען דיר נישט צונעמען, און קיינער קען דיר נישט געבן. אויב וועסטו לעבן מיט די אמונה פשוטה, וועסטו האבן די כוחות צו מאכן שלום און מרבה זיין שלום בעולם.

הייליגע לעכטיגע קינדער, ביי די שלש סעודות תורה פון פרשת עקב האבן מיר גערעדט א לאנגע שמועס איבער דעם ענין פון עצבות, **אז עצבות ברענגט א מענטש אויף זיך אליין**. מיר האבן איבערגעזאגט דעם בן איש חי אין "אדרת אליהו" פרשת ויקהל; עס לוינט זיך אויסצוהערן דעם שמועס פון שלש סעודות פרשת עקב, עס וועט אונז געבן א געוואלדיגע חיזוק און א שמחה אריינצוגיין אין די הייליגע טעג.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אריינברענגען א חיות דקדושה, א פרייליכקייט און א לעכטיגקייט דורך אהבה, אחוה, שלום ורעות, סיי בין אדם לחבירו און סיי בין אדם למקום.

**דער וועג צו אהבת שמים דורך אהבת ישראל**

א איד איז אמאל אריינגעקומען צו רבי אברהם פון סטרעטין און איך געבעטן א סגולה פאר יראת שמים. האט ער געזאגט: "א סגולה פאר יראת שמים האב איך נישט, אבער פאר אהבת שמים האב איך יא." האט דער איד געפרעגט: "נו רבי, אהבת שמים איז דאך א פיל גרעסערע מדרגה ווי יראת שמים, לאמיר הערן וואס איז די סגולה?" האט ער געענטפערט: "**אהבת ישראל. אהבת ישראל ברענגט אהבת הקדוש ברוך הוא – אהבת שמים – און דאס ברענגט שוין אויך יראת שמים.**"

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

---

***א מודעה פון הרה"ח רבי משה וואלף קאהן נ"י***

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער.***
***האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת ראה, כ' לחודש מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן תמיד,

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער.

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט: "ראה אנכי נותן לפניכם היום". דער הייליגער באשעפער זאגט אונז: קוקט וואס איך געב אייך היינט – "ברכה וקללה", א ברכה און די פארקערטע פון א ברכה. און וואס ווענדט עס זיך? "את הברכה אשר תשמעו" – אז מען וועט צוהערן צו דעם וואס דער אייבערשטער הייסט, וועט עס זיין א ברכה; און חלילה פארקערט, "והקללה אם לא תשמעו" – אויב מען הערט חלילה נישט צו צום הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע קינדער, דער הייליגער אפטער רב ברענגט די וואך אין די פרשה, אז א מענטש דארף וויסן אז עס קומען פָאר זייער אסאך זאכן אין זיין לעבן, וואס די זעלבע זאך קען זיין א ברכה אדער קען עס זיין א קללה. למשל, עשירות: עשירות קען זיין א ברכה אויב מען ניצט דאס געלט אויף אן אויסגעהאלטענעם אופן, פאר צדקה, חסד וכדומה. אבער חלילה וחס עס קען אויך זיין "וישמן ישורון ויבעט", אדער "ורם לבבך ושכחת" – מען קען פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, מען טרעט אויף מענטשן, מען טוט זאכן קעגן די תורה, און מען פארגעסט פונעם גאנצן ענין פון אמונה. קומט אויס, אז עשירות קען זיין א טובה און א ברכה, אדער חלילה פונקט דאס פארקערטע.

די זעלבע זאך איז מיט עניות. עניות קען אמאל אזוי ווייט פארנעמען דעם מענטשן'ס קאפ, אז חלילה וחלילה מען קען נישט לערנען, מען קען נישט דאווענען, און מען קען נישט אנגיין אינעם לעבן. פון די אנדערע זייט זאגט די גמרא אז עניות איז גאר שיין.

**ווען איז עשירות אדער עניות א ברכה?**

זאגט דער הייליגער אפטער רב: וויאזוי ווייסט א מענטש וואס צו דאווענען? זאל ער בעטן אז דער אייבערשטער זאל פון אים אוועקנעמען די עניות? אפשר איז עס גאר א טובה פאר אים? ווער זאגט דען אז פאר אים איז עשירות א טובה? זאל ער אפשר מתפלל זיין אז דער אייבערשטער זאל אוועקנעמען פון אים די עשירות? אפשר טאר מען נישט מתפלל זיין קעגן א גוטע זאך וואס דער אייבערשטער גיט?

אויף דעם זאגט דער הייליגער אפטער רב, אז א מענטש דארף קוקן וואס עס פאסירט מיט דעם מצב וואס ער האט. **די תורה גיט אונז א סימן: "את הברכה אשר תשמעו" – אויב עס ברענגט א מצב פון "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום", אויב עס ברענגט דביקות אינעם אייבערשטן, גוטע מדות, אהבת הקדוש ברוך הוא, אהבת התורה און אהבת ישראל; אויב עס העלפט דעם מענטשן צו שטייגן ממדרגה למדרגה אין רוחניות, אויפצוהייבן די גשמיות און עס אריינברענגען אין רוחניות – דאן איז עס א סימן אז דאס וואס ער האט, צי עס איז עניות אדער עשירות, איז א ברכה.**

טאמער חלילה וחלילה ס'נעמט אוועק דעם מענטש פון לערנען אדער פון דאווענען, און ס'לאזט אים נישט אנגיין אין עבודת השם – נישט קיין חילוק וואס דאס איז, צי ס'איז עניות צי ס'איז עשירות – איז דאס א סימן אז עס איז נישט קיין ברכה.

**מען דארף מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטן אז ער זאל אוועקנעמען די צרה; נישט ווייל איך וויל עס אזוי, נאר ווייל איך וויל קענען מקיים זיין דעם רצון השם, און אינעם מצב וואו איך שטיי יעצט קען איך נישט מקיים זיין דעם רצון השם. דאס איז די תפילה** וואס א מענטש דארף שטענדיג דאווענען. די תפילה דארף זיין: "מיר ווילן דינען דעם אייבערשטן." א מענטש וויל הייזער, פעלדער און וועלדער; דו ווילסט קינדער, דו ווילסט האבן פרנסה, דו ווילסט האבן אלע גוטע זאכן – ווען איז עס א ברכה? אויב דו ווילסט באמת מיט דעם דינען דעם אייבערשטן, נישט זיך אליין, נישט פאשענען דעם גוף, נישט זיך מגשם זיין, און אוודאי נישט טרעטן אויף אנדערע אידן אדער ווי טאן אנדערע אידן, און נישט עובר זיין אויף די תורה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, דער אייבערשטער טוט פאר אונז נאר גוט, אבער ער וויל אויך אז מען זאל דאווענען. מען דארף דאווענען, און דער סך הכל וואס דארף ארויסקומען איז: "איך וויל דינען דעם אייבערשטן, ווייל דאס איז די תפקיד וואס איך האב אויף דער וועלט, און פאר דעם בין איך באשאפן געווארן."

**עס איז שוין געשען: מקבל זיין יסורים באהבה**

מיין עלטערער ברודער, הרה"ג ר' חיים עזריאל בלום שליט"א, א מגיד שיעור אין ישיבת אור תורה אין מאנסי, האט מיר איבערגעזאגט א הפלא'דיגע רעיון פונעם זיידן זכרונו לברכה, הגה"ק כ"ק אדמו"ר בעל ברכת שמים מקאשוי זצוק"ל. מיר האבן ארומגערעדט וועגן די

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

פריערדיגע צדיקים ווען עס זענען געווען טראגעדיעס ביי כלל ישראל – דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל שוין מער נישט זיין – און ווען עס זענען געווען שוועריגקייטן, האב איך אמאל געהערט פונעם זיידן זכרונו לברכה, און איך האב עס אויך געהערט פונעם מאנסי וויזשניצער רבי'ן זכרונו לברכה, אז "ווער עס ווייסט זאגט נישט, און ווער עס זאגט ווייסט נישט"; עס איז נישט געווען דער סדר פון צדיקים צו זאגן טעמים אויף אזעלכע זאכן.

האט ער מיר פארציילט א הפלא'דיגע מעשה: איינמאל האט ער געהאט געוויסע געלט שאדנס, וואס זענען געווען זייער ווייטאגליך. למשל, דער זיידע זכרונו לברכה האט אים אמאל געגעבן א קאנווערט מיט געלט ער זאל עס פאר עמיצן איבערגעבן, און ער האט עס פארלוירן. זיין רעבעצין, וואס איז געווען א מחנכת, האט אוועקגעלייגט געלט וואס די קינדער האבן צוזאמגענומען פאר א געוויסן צוועק; זי האט עס געהאט ביי זיך אין בייטל, וואו עס זענען אויך געווען פילע זאכן וואס זענען געווען נוגע פאר די שולע. זי האט עס אראפגעלייגט אויף עטליכע מינוט, און א גוי' האט עס אוועקגעכאפט און אנטלאפן דערמיט. נאך עטליכע אזעלכע שאדנס וואס ער האט געהאט, האט ער געשפירט אז דער אייבערשטער וויל עפעס פון אים. איז ער געגאנגען פרעגן דעם זיידן זכרונו לברכה: וואס דארף ער טון, און וואס דארף ער טראכטן דערוועגן?

האט אים דער זיידע זכרונו לברכה געזאגט עמוק'דיגע ווערטער; הערט צו, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. ער האט אים געזאגט: "**נו, ס'איז דאך שוין געשען. ס'איז שוין געשען. וואס איז שייך צו זאגן? ס'איז שוין געשען.**" איר כאפט די עמקות פון דעם? וואס ער וויל ארויסברענגען איז, **אז דער אייבערשטער שטראפט נישט סתם צו שטראפן. אויב עס איז באשערט געווען פאר א מענטש א געוויסע עונש, אדער א געוויסע כפרת עוונות און יסורים, איז עס שוין געשען. יסורים פאסירן נישט כדי עס זאלן זיין נאך יסורים; ס'איז שוין געשען. זיי עס מקבל באהבה, און גיי ווייטער אן אין לעבן.**

הייליגע לעכטיגע קינדער, איר הערט א יסוד? ס'איז א געוואלדיגער יסוד: **ווען עפעס געשעט, איז עס שוין געשען** עס מסביר זיין מיט א משל. למשל, ווען א פייפ פלאצט אויף און וואסער הייבט אן גיסן, אבער מ'האט עס שוין פארראכטן און דאס גיסן האט זיך אפגעשטעלט – וועט דען איינער פרעגן: "וואס דארף מען יעצט טון אז פריער האט זיך א פייפ איבערגעקראכט, ס'איז געווארן א לאך און וואסער האט געגאסן?" וועט אים א צווייטער ענטפערן: "וואס איז נאך דא צו טון? מ'האט שוין געטון וואס מ'דארף! ס'איז געלאפן וואסער און מ'האט עס פארראכטן, שוין ווייטער געגאנגען."

איי, וועסטו פרעגן: "אפשר וועט עס נאכאמאל געשען? אפשר האב איך עס נישט גוט פארראכטן, און דער אייבערשטער וועט עס נאכאמאל שיקן חלילה?" ס'איז נישטא אזא זאך! א מענטש טראכט נישט אזוי, א מענטש קען נישט לעבן אין א "אפשר". דו קענסט אויב אזוי שטיין סתם אינמיטן א העלן טאג – אן דעם וואס דער אייבערשטער זאל עפעס צונעמען פון דיר – און טראכטן אז אפשר גייט דער אייבערשטער עפעס מאכן? ווען עפעס געשעט, האט דער אייבערשטער געוואלט אז עס זאל געשען. אונזער תפקיד איז עס מקבל צו זיין באהבה, טון תשובה, מתקן זיין די עוונות, און גיין ווייטער.

**טרעפן דעם שורש הטוב אין יעדע זאך**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די עבודת הקודש פון א מענטש איז אבער... ארויסצונעמען פון יעדע זאך דעם חלק הטוב. ס'שטייט טאקע "את הברכה אשר תשמעו", אבער עס שטייט אין די ספרים הקדושים אז דו קענסט אריינברענגען די ברכה אויב דו וועסט מאכן ביי יעדע זאך אז עס זאל זיין א בחינה פון "אשר תשמעו".

דער הייליגער רבי ר' זושא האט דאך געליטן פון גרויס עניות און דחקות. איינמאל האט ער אפילו נישט געהאט פאר עטליכע טעג נאכאנאנד קיין שום עסן; אפילו אביסל טרוקן ברויט האט ער נישט געהאט. ער איז געווען זייער אויסגעהונגערט, און עס איז שוין ממש געווען כלו כל הקיצין. ער האט געשפירט אז ער קען שוין נישט מער, מען דארף דאך האבן ענערגיע און מען דארף האבן עסן כדי צו קענען האלטן דעם גוף, ווייל די נשמה דארף דאך האבן דעם גוף כדי צו קענען זיין דא אויף דער וועלט.

**האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הייליגן באשעפער און געזאגט: "הייליגער באשעפער, איך דאנק דיר און איך לויב דיר פארן האבן אן אפעטיט צו עסן; איך שפיר אז איך בין הונגעריג. עס זענען דא אזויפיל מענטשן וואס האבן עשירות און פארמאגן אסאך געלט, אבער זיי זענען אזוי נישט געזונט אז זיי שפירן אפילו נישט ווען זיי זענען הונגעריג. זייער מאגן איז נעבעך אזוי קראנק, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן".**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער הייליגער רבי ר' זושא לערנט אונז אויס: "את הברכה אשר תשמעון" – ברענג אריין א ברכה! ווייז

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אין יעדע זאך וויאזוי דו האסט אינזין דעם הייליגן באשעפער און וויאזוי דו האסט ליב דעם אייבערשטן, דעמאלטס וועט יעדע זאך וואס קומט דיר אונטער, אלעס ארום דיר, ווערן א ברכה און דו וועסט טרעפן דערין א ברכה.

דער הייליגער בני יששכר ברענגט אין אגרא דכלה אנהייב פרשת קרח די עצה וואס ווערט געברענגט פון די תלמידי בעש"ט – דער תולדות ברענגט עס אין פרשת נח אויפן פסוק "צהר תעשה לתבה" – **אז יעדע זאך וואס קומט אויף א מענטש, יעדע שווערינקייט, יעדע ווייטאג און יעדע דרוק וואס א מענטש האט, דארף ער טרעפן דעם שורש הטוב דערין. דעמאלטס ווערט דאס שלעכטס א כסא צום גוטס, און די גאנצע מציאות טוישן זיך לטוב**.

מען טאר זיך קיינמאל נישט פלאנטערן אינעם רע; מען טאר נישט זען קיין שלעכטס און מען טאר נישט טראכטן קיין שלעכטס. אונז דארפן מיר הארעווען און אריינלייגן כוחות צו טרעפן דעם שורש הטוב אין יעדע זאך, ווייל דער אייבערשטער איז דאך כולו טוב, דער אייבערשטער איז דאך כולו רחמים און כולו חסד. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מען לעבט מיט אמונה איז דאס לעבן אזוי גליקליך, אזוי צוקער-זיס און אזוי געשמאק.

**די תחבולות היצר: דאגות פארן ישועה און כפיות טובה נאכדעם**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רבי נטע ציינוווירטה האט געזאגט אזוי: פאר דער אייבערשטער העלפט, רעדט דער יצר הרע איין, איין זאך פארן מענטש, און נאכדעם וואס מען ווערט געהאלפן, רעדט ער איין עפעס אנדערש.

פאר א מענטש ווערט געהאלפן, מאכט דער יצר הרע א גאנצע דאגה און זארגן: "וואס וועט זיין? אלע מענטשן האבן, און ביי אונז איז גארנישט דא," יעדער איינער דער און יענער.. און דער מענטש ווערט באזארגט, אנגעצויגן און פיל מיט פחדים. אבער ווען ענדליך העלפט דער אייבערשטער – חסדי ה' כי לא תמנו – מאכט דער יצר הרע אז דער מענטש זאל טראכטן: "וואס איז שוין געשען? אלע מענטשן ווערן דאך געהאלפן. ביי יעדן איינעם איז עס אזוי, האב איך דען עפעס מער ווי אנדערע מענטשן?"

למשל, א מענטש האט נישט געהאט אויף שבת צו מאכן. קודם ברענגט אים דער יצר הרע שרעקליכע טענות חלילה, דאגות, פחדים, צובראכנקייט און יאוש. אבער ווען ער האט שוין יא, טראכט ער: "וואס האב איך שוין? חלות? וויין? יעדער האט דאך חלות און וויין אויף שבת, אביסל פיש, אביסל פלייש, אביסל קוגל, סאלאטן מיט קאמפאטן. וואס איז שוין די גרויסע זאך?" דאס איז די כוח היצר.

וואס איז די ארבעט פון א מענטש? ער דארף שטענדיג לעבן מיט בטחון. **דער אייבערשטער איז א טוב ומטיב, דער אייבערשטער העלפט, "שעשה לי כל צרכי" - איך האב אלעס וואס איך דארף, איך טאר נישט דאגה'ן און איך גיי נישט דאגה'ן.** מ'דארף אבער יא דאווענען, יא האפן, און רעדן צום אייבערשטן, אבער לעבן מתוך ששון ושמחה. נאכדעם וואס דער אייבערשטער העלפט, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן און טראכטן: ווער ווייסט וואס וואלט געקענט זיין ווען דער אייבערשטער העלפט מיר נישט. מיט דעם דארף מען זיך מחזק זיין און זאגן "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו, ואמרו הושיענו".

דער יצר הרע פארדרייט דעם מענטש און רעדט אים שטענדיג איין דאס פארקערטע; ער זאל שטענדיג טראכטן פארקערט, מיט די נישט ריכטיגע מחשבה און אינעם נישט ריכטיגן פלאץ. ער פלעגט אלץ זאגן: דער אייבערשטער העלפט דיר דאך צום סוף, וואס פעלט דיר אויס צו האבן דאגות? נאכדעם וועט דיר באנג טון און עס וועט דיר ווי טון אז דו האסט נישט געהאט די ריכטיגע אמונה און דעם ריכטיגן בטחון בשעת דו ביסט דורכגעגאנגען די שווערינקייטן. **האלט דיך שטארק ביז די ישועה קומט אן, כדי דו זאלסט קיינמאל נישט דארפן האבן קיין צער און פרעגן: פארוואס האב איך נאכגעלאזט? פארוואס בין איך אזוי צוזאמגעפאלן**? פארוואס בין איך אזוי צובראכן געווארן און פארוואס בין איך דורכגעפאלן?

**מיר האבן א רייכן טאטע: לעבן מיט אמונה פשוטה**

א איד דארף שטענדיג לעבן מיט אן אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן. וואס דארף א איד טראכטן? אז **מיר האבן א רייכן טאטע וואס געבט אונז אלעס וואס מיר דארפן. עס מאכט נישט אויס צי מיר ארבעטן יא אדער מיר ארבעטן נישט, און עס ווענדט זיך נישט צי מיר זענען עס ווערד צי נישט. דער טאטע, דער עושר, געבט פארן קינד. קל וחומר בן בנו של קל וחומר דער הייליגער באשעפער**, וואס די גאנצע וועלט איז "אין עוד מלבדו" און "לי הכסף ולי הזהב נאם ה'", געבט אוודאי און אוודאי פאר זיינע קינדער — "בנים אתם לה' אלקיכם" — אלעס וואס זיי דארפן.

נאך מער פון דעם: שטעל דיר פאר א טאטע וואס איז א גרויסער עושר און ער געבט פאר זיין קינד אלעס וואס ער דארף, אבער דאס קינד

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

גייט און באקלאגט זיך פאר אנדערע מענטשן אז ער האט נישט קיין געלט און ער האט נישט מיט וואס צו מאכן שבת; וואסערע צער און עגמת נפש דער טאטע האט דערפון!

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר ווילן דאך משמח זיין קודשא בריך הוא ושכינתיה כביכול. מיר דארפן אויסשרייען אז מיר האבן א רייכן פאטער, און זאגן "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו ואמרו הושיענו". טאטע, דו העלפסט! טאטע, דו האסט געהאלפן, און טאטע, דו וועסט ווייטער העלפן.** מיר האבן נישט קיין דאגות, נישט קיין פחדים, נישט קיין יאוש און נישט קיין ווייטאגן; נאר שמחה, פריילך, אמונה, שלום, בטחון און שטענדיג א פנים מאירות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. דער רבי פון ר' נתן צענווירטה איז געווען ר' נחום יאסער. רבי נחום יאסער איז איינמאל אהיימגעקומען פון זיין עבודת הקודש, עס איז שוין געווען ביינאכט, און די רעבעצין האט אים צוגעגרייט א גלעזל טיי. עס איז געווען א טאג וואס ער האט געפאסט – ער פלעגט זייער אסאך פאסטן, ביי רבי נחום יאסער אין שטוב דארט איז געווען אזא עניות, עס איז נישט געווען קיין שום טייערע כלי אדער צירונג אדער אפילו א חפץ, אלעס איז געווען אויף די גרעסטע מאס ארעמקייט. איין זאך האבן זיי יא געהאט, א זייער שיינע כלי, א קריסטאלענע גלאז. ווען עס איז געקומען א גאסט, האט מען אים געגעבן דאס גלאז, און מיט דעם האט מען מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים. און אזוי ווי רבי נחום איז אהיימגעקומען יענע נאכט, און די רעבעצין האט אים צוגעגרייט א טיי ער זאל קענען אויף דעם אויספאסטן, האט זי אים געמאכט די טיי אין דעם גלאז, ווייל דאס איז אויך געווען דאס גרעסטע גלעזל וואס זיי האבן געהאט אין שטוב.

ר' נחום איז אהיימגעקומען און ער האט מיטגעברענגט נאך מענטשן מיט זיך. ער האט אנגעהויבן רעדן סיפורי צדיקים און דברי תורה, און ער איז געווארן אינגאנצן התלהבות'דיג; עס האט זיך אים ארייגעקאכט, און ער האט אזוי גערעדט מיט די הענט און מיט אלע אברים זיך אזוי געשאקלט. ער האט אזוי געקאכט אין חסידות און תורה, ביז דאס גלעזל טיי איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און דאס גלאז האט זיך צעשפליטערט אויף שטיקלעך.

דער וואס האט אים באגלייט איז געווען נאך א יונגל אדער א בחור'ל, און ער האט ארויסגעגעבן אזא קרעכץ: "צ-צ-צ-צ, אוי!", אזוי ווי איינער וואס זאגט: "רבונו של עולם, דעם שענסטן כלי אין שטוב האט זיך אזוי צובראכן."

ר' נחום האט זיך תיכף אויסגעדרייט צו דעם קינד און אים געזאגט: "וואס מאכסטו דעם צ-צ-צ-צ? מיר גלייבן דאך באמונה שלימה אז ווער טוט דאס? דער טאטע! 'אין אדם נוקף אצבעו מלמטה עד שמכריזין עליו מלמעלה' – א מענטש קען אפילו זיין פינגער נישט א קלאפ געבן אויב מען האט עס נישט אויסגערופן פריער אויבן אין הימל. **אויב מען האט אויסגערופן אויבן אין הימל אז נחום'ס גלעזל זאל זיך יעצט צוברעכן, איז עס דאך דער רצון פונעם טאטן.** וואס מאכסטו דעם צ-צ-צ-צ? וואס מאכסטו אזעלכע גערודער כאילו עס איז עפעס געשען? **איך דארף זיך גאר פרייען; איך האב זוכה געווען אז מען האט יעצט דערמאנט מיין נאמען אויבן אין הימל.**"

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? נאך מער פון דעם. ר' נחום יאסער האט געהאט א קריסטאלענע גלעזל פון זיין רבין, דער אדמו"ר הזקן פון טשארטקאוו. איין מאל איז געקומען צו אים א איד און געבעטן צו זען דאס גלעזל. ווען דער איד האט געהאלטן דאס גלעזל אין די האנט, איז עס ארויסגעפאלן און זיך צובראכן. יענער האט זיך שטארק דערשראקן און געציטערט וואס ר' נחום וועט טון, היות ער האט עס דאך באקומען פון זיין רבין, פונעם הייליגן טשארטקאווער. ר' נחום האט אים אבער געזאגט: "אזוי וויל דער אייבערשטער? זייער זייער גוט. מיר זענען דא נאר צו טון דעם רצון השם, מיר זוכן גארנישט עפעס אנדערש צו טון. אז דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל, זענען מיר בשמחה און מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן." ער האט צוזאמגענומען די שטיקער גלאז און עס אוועקגעלייגט אלס א זכר פון דעם גלעזל.

**סיכום און ברכת כתיבה וחתימה טובה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן לעבן מיט א געוואלדיגע אמונה פשוטה אז אלעס קומט פונעם טאטן, פונעם רייכן פאטער, פון דעם טאטן וואס האט אונז אזוי ליב און גיט אונז אלע אונזערע געברויכן. מיר דארפן נישט דאגה'ן, מיר האבן נישט קיין זארגן, און מיר דארפן גארנישט זוכן. מיר דארפן נאר לערנען, דאווענען, דאנקען דעם אייבערשטן זינגען שבח והודאה, העלפן אנדערע אידן, מקיים זיין כיבוד אב ואם מיט אלע הידורים, מקיים זיין די מצוות פון ואהבת לרעך כמוך און ואהבת את ה' אלקיך, לעבן אין דביקות הבורא, מבטל זיין די אייגענע רצונות פארן רצון השם, פאר די תורה און פאר אנדערע אידן, בענטשן אידן, ליב האבן אידן, און לעבן פריילך און גליקליך.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס און כל מיני ישועות; א כתיבה וחתימה טובה פארן גאנצן כלל ישראל, פאר יעדן איד בפרטיות און פארן כלל ישראל בכלליות. א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר; פועל'ט אלעס גוטס און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## כיבוד אב ואם

### די געוואלדיגע סגולה פון אריכות ימים דורך כיבוד אב ואם

בס"ד, כיבוד אב ואם, צען מינוט, די זיבעצנטע שיעור.

ס'ווערט געברענגט פונעם "לב שמחה" מגור זצ"ל, ער שרייבט אזוי: יעדער מענטש ווען ער ווערט געבוירן, שרייבט דער אייבערשטער אראפ פאר אים פונקטליך וויפיל יאר ער גייט לעבן אויף דער וועלט. זאגט ער אבער, **אז די אלע יארן וואס א מענטש איז עוסק אין כיבוד אב ואם, זענען נישט נכלל אין די יארן וואס זענען באשטימט פאר אים צו לעבן**. א מענטש וועט מאריך ימים זיין מער פון די טעג וואס זענען אפגעשריבן פאר אים, כדי ער זאל משלים זיין צו לעבן די אלע יארן וואס זענען באשטימט געווארן ווען ער איז געבוירן, אבער ער זאל האבן גענוג שעות און טעג אחוץ די צייט וואס ער האט מקיים געווען כיבוד אב ואם.

קומט אויס א מורא'דיגע זאך: דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון כיבוד אב ואם מיט'ן שכר פון "למען יאריכון ימיך", און ער האט אויך געמאכט אז מיר זאלן וועלן אונזערע עלטערן זאלן לעבן; וויל ווי לענגער זיי לעבן און ווי מער מיר זענען מקיים כיבוד אב ואם, האבן מיר בפועל אן אריכות ימים. דאס איז צוליב דעם אליין, וויל אויב עס איז באשערט פאר א מענטש, למשל, צו לעבן אכציג יאר, איז יעדע מינוט פון כיבוד אב ואם נישט קיין חלק פון די אכציג יאר, נאר מען לייגט עס צו צו די אכציג יאר. הפלא ופלא!

### מקורות פון הייליגע ספרים איבער די חשיבות פון די מצוה

אין ספר מאה שערים הקדמון, שער ע"ד, שרייבט ער אז אין די תורה הקדושה שטייט ביי די מצוה פון מעשר: "ובחנוני נא בזאת". דער אייבערשטער זאגט אז מען מעג אויספרובירן דעם אייבערשטן; געב מעשר און זע אויב איך וועל נישט עפענען די פענסטערס פון הימל און אראפשיקן פאר אייך ברכה עד בלי די.

דער מאה שערים הקדמון שרייבט ווייטער, אז ווען א מענטש איז מכבד זיינע עלטערן, ער הערט צו און ער פאלגט זיי, און ער איז מקיים די מצוה פון כיבוד ומורא אב ואם כהלכתה, איז ער זוכה צו תורה. טאמער נישט, קען מען נישט זוכה זיין צו תורה; עס איז א מציאות, אזוי שרייבט ער דארט.

**דער אברבנאל שרייבט אויך: אויב דו ביסט מכבד דיינע עלטערן, וועלן דיינע קינדער דיך מכבד זיין, מידה כנגד מידה. כיבוד אב ואם איז א גלגל החוזר בעולם; לויט וויפיל דו ביסט מקיים כיבוד אב ואם, אזוי וועלן דיינע קינדער דיר אקעגן קומען און מקיים זיין כיבוד אב ואם פאר דיר.**

דער אור החיים הקדוש אין פרשת קדושים שרייבט אויפן פסוק "איש אמו ואביו תיראו", אז דאס וואס עס שטייט אין א לשון רבים, "תיראו", קומט אונז לאזן הערן אז אויב דו האסט מורא פון דיין טאטע און מאמע, ביסטו גורם אז דיינע קינדער זאלן האבן מורא פון דיר. ער לערנט זיך ארויס פון דיר, און עס איז מידה כנגד מידה; פון הימל וועט מען מאכן זיכער אז דיינע קינדער זאלן אויך מקיים זיין כבוד ומורא אב ואם. דערפאר שטייט עס אין לשון רבים, "תיראו", וויל מען רעדט סיי פון דיין מורא און סיי פון די מורא וואס דו לערנסט אויס פאר דיינע קינדער, אז זיי זאלן מורא האבן פון דיר און מקיים זיין כיבוד אב ואם ומורא אב ואם.

עס שטייט אין ספר מעשה איש (חלק ו') בשם דעם סטייפלער זצ"ל, אז ער האט אמאל געזאגט פאר א בר מצוה בחור אז ער זאל מקבל זיין אויף זיך איין מצוה. וועלכע מצוה? כיבוד אב. וויל עס שטייט אין ירושלמי סוף פרק אלו מציאות אויף די משנה, אז ווען א מענטש טוט איין מצוה בשלמות, איז מטיבין לו ומאריכין את ימיו ונוחל את הארץ. יעדער איד וואס איז מייחד איין ספעציפישע מצוה וואס ער גייט קיינמאל נישט עובר זיין, גיט אים דער אייבערשטער אריכות ימים און באשיקט אים אך טוב וחסד מיט אלע השפעות טובות. עס שטייט דארט אז די דאזיגע איין מצוה רעדט מען פון כיבוד אב ואם. ממילא האט ער געזאגט פארן בר מצוה בחור: נעם אויף זיך די מצוה מקיים צו זיין כיבוד אב ואם ביזן סוף, און דאס וועט ברענגען אלעס גוטס וואס א מענטש וויל און דארף האבן אין זיין לעבן.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**די מעשה פונעם ראש ישיבה און דער בחור וואס האט נישט גערעדט מיט זיין טאטן**

נעכטן ביינאכט זענען מיר געווען ביי א סעודת שבע ברכות, ווו מיר האבן געטראפן א ראש ישיבה וואס פירט א ישיבה פאר עלטערע בחורים. ער האט אונז אזוי דערציילט: יעדן אינדערפרי לערנט ער פריוואט בחברותא מיט בחורים, יעדע שטיק צייט מיט א צווייטן בחור. נישט לאנג צוריק האט ער געלערנט מיט א געוויסן בחור, און אזוי ווי יעדן טאג לערנט מען און מ'שמועסט אויך אביסל אינצווישן, אזוי ארום קען ער דורכשמועסן מיט די בחורים זייערע שוועריגקייטן און זיי געבן חיזוק און הילף וואס זיי דארפן. שמועסנדיג מיט דעם בחור מיט וועמען ער האט יעצט געלערנט, **האט אים דער בחור דערציילט אז שוין דריי יאר וואס ער רעדט נישט מיט זיין טאטן און ער האט נישט קיין שום שייכות מיט אים**. ווען דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט פארוואס, האט ער אנגעהויבן זאגן: "דער טאטע איז דאס, דער טאטע איז יענץ, דער טאטע איז אהער און דער טאטע איז אהין". למעשה איז אויסגעקומען אז די עלטערן זענען צעשיידט, און די מאמע העצט אים אן קעגן דעם טאטן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך גלייב נישט קיין איין ווארט וואס מ'זאגט אויף דיין טאטן. עס מוז נישט זיין אמת, און עס איז זיכער נישט אמת; דו ביסט זיכער מגזים. דו זאגסט זאכן וואס דו האסט געהערט פון אנדערע און נישט וואס דו האסט אליין געשפירט. און בכלל, כיבוד אב ואם איז א זייער הארבע זאך, עס איז נישט אזא פשוט'ע זאך; דו שפילסט זיך ארום מיט חמורות שבחמורות. **איך וויל נישט מער לערנען מיט דיר, און איך וויל נישט אז דו זאלסט לערנען דא אין די ישיבה. איך וויל נישט האבן קיין שייכות מיט איינעם וואס איז עובר אויף אזא הארבע מצוה. ביי מיר ווערט דאס פארעכנט אלס אן עבריין. פונקט ווי איך גיי נישט לאזן א בחור וואס טוט יעדע עבירה — א מחלל שבת האט נישט וואס צו זוכן אין ישיבה, און דאס זעלבע מיט איינעם וואס טוט אלע אנדערע גראבע עבירות — דאס איז פונקט אזא חלק פון די תורה. דו פארפאסט א געוואלדיגע מצוה אין די תורה, דו ביסט אן עבריין, און דו מוזט ארויסגיין פון ישיבה."**

דער בחור האט זיך ממש איינגעבעטן, אבער ער האט אים געזאגט: "ניין, מען קען זיך אויסלערנען וויאזוי צו האנדלען מיט א טאטן, מען קען זיך אלעס אויסלערנען. אבער א מענטש וואס איז נישט מקיים כיבוד אב ואם איז א פושע, א בעל חוטא; ער איז אן עבריין פונקט ווי יעדער בעל עבירה."

נו, דער בחור איז צוריקגעקומען צום ראש ישיבה; ער וויל נישט ארויסגיין פון די ישיבה, וואו זאל ער דען גיין? ער דארף דאך אויך טאן א שידוך, און בכלל האט ער ליב דעם ראש ישיבה. פיין, מאך א צוזאמטרעף. דער ראש ישיבה האט טאקע געמאכט א צוזאמטרעף צווישן דעם זון און דעם טאטן, ער זאגט ברוך הוא וברוך שמו, עס ארבעט זיך אויס א מחיה. דאס קינד האט ליב דעם טאטן, דער טאטע האט ליב דאס קינד, ברוך השם, זיי האבן א געהעריגן קשר. זיי טרעפן זיך, זיי שמועסן, און זיי רעדן אויף א נארמאלן אופן.

**דער אייבערשטער גיט די כוחות מקיים צו זיין די מצוה בשלימות**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר זאלט וויסן מיט א געוואלדיגע אמת'דיגקייט, אז מיר דארפן גלייבן אין דעם: ווען דער הייליגער באשעפער האט געגעבן די מצוה פון כיבוד אב ואם, אזוי ווי אלע אנדערע מצוות התורה, **האט דער אייבערשטער מיטגעגעבן אלע כוחות דערצו. אין די מצוה אליין ליגט אלעס וואס מ'דארף האבן כדי מ'זאל עס קענען מקיים זיין.** מ'דארף גארנישט ניצן דעם אייגענעם קאפ, דעם אייגענעם מוח, אדער די אייגענע כוחות; אלעס גיט דער אייבערשטער. דו דארפסט נאר באמת וועלן מקיים זיין די מצוה און וועלן טון דעם רצון השם, אן קיין מגושם'דיגע חשבונות.

זייער אפט זאגט א מענטש: "די עלטערן זענען מאניפולאטערס, זיי זענען קאנטראלירערס, זיי לייגן דרוק." דער אמת איז אבער, אז דו דארפסט לעבן מיט אמונה פשוטה: **דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די טאטע און מאמע, און דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די מצוה פון כיבוד אב ואם ספעציעל פאר די דאזיגע טאטע און מאמע, נישט פאר קיין אנדערע עלטערן, און דער אייבערשטער האט דיך נישט פטור געמאכט פון די מצוה. וואס דער רבונו של עולם וויל פון דיר איז, אז דו זאלסט גלייבן אז אין די מצוה איז דא אלעס וואס דו דארפסט כדי דו זאלסט עס קענען מקיים זיין.**

אוודאי האבן מיר שיעורים אויף "באורדערליין", וואו מיר לערנען אויס געוויסע זאכן ווען מ'האט א טאטע אדער א מאמע וואס זענען קראנק און נישט געזונט, און זיי טוען ממש ארייננלייגן די קינדער אין סכנת נפשות. אין די תורה שטייט דאך "וחי בהם", און פונקט ווי א איד איז פטור פון מצות סוכה אדער פון פאסטן יום כיפור ווען עס קומט צו פיזישע געזונט, די זעלבע זאך גייט אן ביי כיבוד אב ואם אויך.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראה כ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**אבער ביז יענעם פונקט דארף א איד גלייבן, אז ווען עס שטייט אין די תורה "כבד את אביך ואת אמך", האט עס געמיינט די טאטע-מאמע וואס דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז זיי זאלן דיך געבוירן. דאס טייטש אז שוין משׁשת ימי בראשית, ווען די וועלט איז באשאפן געווארן - און די וועלט איז דאך באשאפן געווארן מיט די תורה - שטייט שוין דארט "כבד את אביך ואת אמך", אויף דיר יענקל, אויף דיין טאטע און דיין מאמע. עס שטייט שוין דארט ארויסגעשריבן, און דער אייבערשטער האט שוין אריינגעלייגט אין דעם אלע כוחות. דו ווילסט מקיים זיין די מצוה? אויב דו ווייסט באמת וועלן און האלטן דערביי, און זיין גרייט אויף מסירות נפש אזוי ווי אויף אלע מצוות התורה, וועט דיר דער רבונו של עולם געבן די איבעריגע כוחות. דו דארפסט נישט קיין הילף; מען ווערט נישט טראומאטייזד, און מען ווערט נישט צובראכן אדער צוקלאפט.**

איך בין מקיים די מצוה און איך גלייב מיט א פשוט'ע אמונה אז דער אייבערשטער האט אין די מצוה אריינגעלייגט אלע מטעמים און תבלינים, אלע געווירצן, אלעס וואס מ'דארף, אלע רפואות און די גאנצע ענערגיע וואס פעלט זיך אויס כדי מ'זאל עס קענען מקיים זיין; און דורך דעם זעט מען אותות ומופתים, נסים ונפלאות, ישועות ונחמות, רחמים וחסדים גלויים, הצלחה וברכה מיט סיעתא דשמיא.

---------------------------------------------.

***א מודעה פון הרה"ח רבי משה וואלף קאהן נ"י***

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער.***
***האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת ראה כא מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, דינסטאג פרשת ראה, כ"א מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן תמיד, הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער.

**די יארצייט פונעם הייליגן בעלזער רב זי"ע און זיין עבודה פון שמחה**

היינט געפאלט די יארצייט פון הגה"ק רבי אהרן בן הגה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא, זכר צדיק וקדוש לברכה, זכותו יגן עלינו. דער בעלזער רב, אינאיינעם מיט זיין ברודער דער בילגורייער רב, זענען דורכאויס די מלחמה יארן געפארן קיין אונגווער. פון דארט האט מען זיי אריבערגעפירט קיין פעסט, לכאורה מיט אן אמבולאנס, אונטערן אויסרייד אז זיי שפירן זיך נישט גוט, און אזוי זענען זיי דארט אריין אין שפיטאל אין פעסט. אויף דעם אופן האט מען געראטעוועט זייער לעבן. דארט אין שפיטאל האבן די חסידים משחד געווען די באאמטע מ'זאל ארויסלאזן דעם בעלזער רב, אבער דער בילגורייער רב איז דארט געבליבן אויף נאך עטליכע וואכן. אידן פלעגן קומען צום בילגורייער רב און פארברענגען מיט אים אין עניני תורה, חסידות און סיפורי צדיקים.

א איד האט דערציילט אז דער בילגורייער רב האט אים אמאל געזאגט אזוי: ער קען זיך נישט צוגלייכן צו זיין ברודער (דער בעלזער רב). וואס איז דער פשט? א פרוי איז אמאל אריינגעקומען און זיך צעוויינט פארן בעלזער רב אז מ'האט גענומען איר מאן אין מיליטער, אין די "מונקא טאבאר" (ארבעטס-לאגערן). יעדער ווייסט דאך אז אין יענע צייטן, ווער עס איז אנגעקומען קיין מונקא טאבאר, האבן רוב מענטשן עס ליידער נישט דורכגעלעבט, און זי איז געווען שטארק צובראכן. **האט דער בעלזער רב זיך אנגערופן צו דער פרוי: "א איד טאר נישט וויינען, א איד דארף זיין בשמחה, א איד דארף זיין בשמחה! מ'טאר נישט וויינען, וויינט נישט, א איד דארף שטענדיג זיין בשמחה."**

האט דער בילגורייער רב געזאגט: נאכדעם וואס דער בעלזער רב אליין איז אדורך אזויפיל צרות, פארלוירן זיין גאנצע משפחה און זיין גאנצע מלוכה, אויסער דעם וואס ער האט געהאט נישט-געזונטע קינדער און קינדער וואס זענען אוועק נאך ביי זיין לעבן – ער האט געהאט אומצאליגע צרות אין זיין לעבן – ער קען זאגן פאר א איד אז מ'טאר נישט וויינען און מ'טאר נישט זיין צובראכן, נאר מ'דארף זיין בשמחה. האט דער בילגורייער רב אויסגעפירט, אז ער אליין האלט נאך נישט ביי אזא הויכע מדרגה.

הייליגע לעכטיגע קינדער, איר הערט? אבער לאמיך אייך עפעס זאגן: לאמיר יעצט נישט זיין פארנומען מיט מדרגות. וואס לערנען מיר ארויס פונעם בעלזער רב? **א איד וויינט נישט, א איד קרעכצט נישט, א איד לעבט נישט אין יאוש, און א איד לעבט נישט דעם גאנצן טאג אין די נעגאטיוו. נאר פרייליך און לעכטיג!** "שלא עשני גוי", "שעשני כרצונו", "הנותן ליעף כח" – דאס איז אונזער שמחה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

**"דער רבונו של עולם האט קיינמאל נישט קיין שלעכטס געטון"**

איינמאל איז אריינגעקומען צום הייליגן בעלזער רב א גאר חשוב'ער איד, וואס האט ליידער אין אוישוויץ פארלוירן זיינע קינדער, זיין ווייב און זיין גאנצע משפחה. ער איז ארויסגעקומען פון די לאגערן צעבראכן און צעקלאפט, און ער האט געזאגט פארן בעלזער רב אז ער פילט אז קיינער קען נישט פארשטיין זיין צובראכענע הארץ און די וואונדן דערויף אזוי ווי דער רבי, וויבאלד דער רבי האט דאך אויך פארלוירן אין די מלחמה זיין גאנצע משפחה, זיין גאנצע מלוכה און אלעס וואס ער האט געהאט.

ווי נאר דער בעלזער רב האט דאס געהערט, האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: **"חס ושלום! מיט מיר האט דער רבונו של עולם קיינמאל נישט שלעכטס געטון. דער רבונו של עולם האט שטענדיג נאר גוטס געטון, און נאר גוטס געטון; מיט מיר האט דער רבונו של עולם קיינמאל נישט קיין שלעכטס געטון." ער האט געזאגט פארן איד אז וויבאלד ער האט אזוי גערעדט, זאל ער גיין אפוואשן די הענט און צוריקציען פון זיינע ווערטער; ער זאל צוריקנעמען די ווערטער און זאגן אז דער רבונו של עולם טוט נאר גוט.**

די מעשה האט דערציילט רבי יצחק שלמה אונגאר, גאב"ד חוג חתם סופר, און ער האט צוגעלייגט א טייטש דערצו. דוד המלך זאגט אין תהלים: "צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו". האט ער געטייטשט: "צדיק ה'" – צו זאגן אז דער אייבערשטער איז גערעכט, "בכל דרכיו" – אין אלע זיינע וועגן, דאס קען יעדער איד זאגן. אבער "וחסיד", דו ווייסט וואס א חסיד, די יחידי סגולה וואס זיי קענען? "בכל מעשיו", זיי קענען זאגן אויף אלעס אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, אז זיי זעען אין דעם אפענע רחמים וחסדים.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יא, יא, עס פאדערט זיך פון יעדן איד די דאזיגע מדרגה. דו פרעגסט צי עס פאדערט זיך? די תשובה איז יא. דו פרעגסט צי עס איז מעגליך? די תשובה איז יא.** עס איז נישט מעגליך שכליות'דיג, עס איז נישט מעגליך מגושם'דיג, עס איז

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת ראה כא מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

נאר מעגליך ווייל אזוי איז דער רצון השם. און יעדער איד גלייבט מיט אן אמונה שלימה און אן אמונה פשוטה, בתמימות, "התהלך עמו בתמימות", אז אלעס וואס איז דער רצון השם, גיט דער אייבערשטער כח פאר א מענטש ער זאל דאס קענען מקיים זיין. **אויב דו ווילסט באמת מקיים זיין דעם ווילן פונעם אייבערשטן, וועט דיר דער הייליגער באשעפער געבן די כוחות, און ממילא קענסטו זיין אויף די דאזיגע מדרגה.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר עס איבערחזר'ן צוזאמען און עס ארויסזאגן מיט'ן מויל, מיט'ן כח הרבים און מיט'ן כח הציבור, כדי ס'זאל אריינגיין אין אונז און אין אונזערע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך ביז סוף כל הדורות: "חס ושלום, מיט מיר האט דער רבונו של עולם קיינמאל נישט שלעכטס געטון; דער רבונו של עולם האט שטענדיג נאר גוטס געטון." מיט מיר האט דער רבונו של עולם קיינמאל נישט שלעכטס געטון!

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז אזוי משמח און מ'ווערט אזוי אויפגעהויבן; מ'שפירט זיך אזוי דערהויבן און חשוב פשוט פאר'ן האבן די זכיה ארויסצוזאגן די דאזיגע ווערטער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

**לעבן מיט אמונה און דאנקען אויף יעדע מצב**

מען שרייבט מיר דא אז א "פנים מאירות" איד האט דערציילט: זיי זענען ארויסגעפארן פון אנטווערפן אויף די יארצייט פון ר' הערשעלע זידיטשובער. זיי זענען געפארן זעקס שעה מיט א קאר, ביז זיי האבן אנגעהויבן צו ווערן מיד און איבערגעשטרענגט, האבן זיי באשלאסן אז מען גייט נעמען א פליגער. ווען זיי זענען אנגעקומען צום פלאץ פון וואו מען נעמט דעם פליגער, האבן זיי געזען אז זיי וועלן שוין נישט אנקומען קיין זידיטשוב אויף שבת צום יארצייט. נו, אז מען קען נישט אנקומען קיין זידיטשוב, זענען זיי אריינגעפארן קיין קערעסטיר. למעשה איז אויסגעקומען אז דער וועג האט געדויערט זעקס און צוואנציג שעה – א שווערער וועג – אבער דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן אז היות עס זענען געווען "פנים מאירות" אידן, האט מען זיך אונטערגעהאלטן מיט "מזמור לתודה". מען האט זיך נישט אונטערגעהאלטן מיט עסן, ווייל זיי האבן נישט געהאט אזוי פיל עסן; מען האט זיך נישט אונטערגעהאלטן מיט'ן אנשעפן כוחות, ווייל עס איז געווען זייער שווער און זאכן זענען בכלל נישט געגאנגען ווי געפלאנט; אבער זיי האבן געהאט דעם ריווח אז זיי זענען געווען בשמחה.

למעשה האבן זיי געדארפט באצאלן הונדערט אכציג דאלער, און זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו קויפן טיקעטס, האבן זיי דארט געדארפט צוזאמשטעלן דאס געלט. און וואס טוט מען? מ'זאגט "מזמור לתודה", און זיי האבן צוגעזאגט מפרסם צו זיין זייער גרויסע ישועה אויפ'ן קול "פנים מאירות", "גוט מארגן", "אשבשי"ש שיעור". און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, מ'האט געטראפן וועגן, אלעס האט זיך אויסגעארבעט לטובה ולברכה, לששון ולשמחה. זיי זענען זיכער אז זיי וואלטן ממש געווארן אינגאנצן צעררודערט ווען נישט "פנים מאירות", אשבאי"ש, אמונה, שלום, בטחון, שמחה.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מ'לעבט מיט "פנים מאירות", מ'לעבט אין אמונה, שלום, בטחון, ושמחה, אין אשבש, מ'לעבט מיט דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, מ'לעבט מיט סיפורי צדיקים און מאמרי חז"ל אין די עניני אמונה און בטחון, "התהלך עמו בתמימות", מ'לעבט זיך אזוי גוט, אזוי פרייליך, און אזוי רואיג.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די אידן האבן נישט קיין חרטה געהאט אויף דעם וואס זיי האבן געהאט אזא שווערן וועג. וואלטן זיי געקרעכצט און געווארן אויפגערעגט און כעס'יג, וואלטן זיי חרטה געהאט. אבער ברוך הוא וברוך שמו, אז זיי זענען נישט געווען אויפגערעגט, זיי האבן געלעבט אין "מזמור לתודה", זיי האבן געלעבט מיט דאנקן און לויבן צום אייבערשטן מיט אמונה פשוטה אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט. און אז זיי האבן נאך געהאט גרויסע ישועות, איז עס דאך כולו ריווח.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. וואס זאגט מען אין הלל? "הודו לה' כי טוב". פאר וועמען איז נאר גוט? וואס מיינט "הודו לה' כי טוב"? ווער איז גרייט זיך אונטערצונעמען און זאגן אז פאר אים איז נאר גוט? די תשובה אויף דעם איז, דו ווייסט ווער? "כי לעולם חסדו" – פאר דעם וואס אנערקענט אז דער כל-יכול, דער הייליגער באשעפער, טוט מיט אונז נאר גוטס.

עס איז אזוי ווי דאס באקאנטע ווארט פונעם חפץ חיים. דער חפץ חיים האט געזאגט א משל: א מענטש קומט אריין אין בית המדרש און ער זעט ווי דער גבאי טיילט אויס די עליות, און ער האט טענות אויף אים: "פארוואס האסטו געגעבן פאר יענעם די עליה? פארוואס האסטו נישט געגעבן פאר יענעם? פארוואס האסטו אזוי געטוהן? פארוואס האסטו אזוי געמאכט?" האט אים דער גבאי געזאגט: "זאלסט מיר זייער מוחל זיין, דו ביסט דא היינט אן אורח, און ממילא האסטו קשיות. די וואס זענען דא יעדע וואך, האבן נישט קיין שאלות, ווייל

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת ראה כא מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

זיי וויסן אז דער האט געהאט פאריגע וואך, יענער האט א יארצייט קומענדיגע וואך, און דער דריטער מאכט א שמחה צוויי וואכן ארום; ממילא האט מען אזוי אויסגעשטעלט די עליות."

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווער קען זאגן "הודו לה' כי טוב"? נאר דער וואס גלייבט באמת אז "כי לעולם חסדו".**

**די הויכע מדרגה פונעם אדר"ת: מאכן די ברכה דיין האמת מיט שמחה**

דער אדר"ת פון ירושלים איז געווען א שטארק פונקטליכער מענטש. לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל, איין טאג איז זיין טאכטער נפטר געווארן בחייו – אוי רבונו של עולם, "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום". גאנץ ירושלים איז זיך צוזאמגעקומען צו די לויה פון די טאכטער פונעם רב, און מ'איז געשטאנען און געווארט און געווארט. מ'איז נישט געווען צוגעוואוינט אז דער אדר"ת זאל קומען שפעט, ער איז דאך געווען גאר פונקטליך, און דא שטייט מען און מען ווארט.

שפעטער האט אים איינער געפרעגט: "זאל דער רב מיר מוחל זיין און זאגן, אויף וואס האט מען געווארט? דער רב האט געלאזט ווארטן אזא ריזיגן ציבור!" האט ער געענטפערט אז חז"ל זאגן "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", און די גמרא זאגט אז מען דארף דאס מאכן מיט די זעלבע שמחה. איז ער אריין אין א צימער, צוגעמאכט די טיר, און אנגעהויבן טראכטן ווען זיין טאכטער איז געבוירן געווארן, וואסארא שמחה ער האט דעמאלט געהאט. ער האט זיך אזוי שטארק אריינגעלייגט אין דעם, כדי ער זאל יעצט זיין פונקט אזוי בשמחה ווי ווען דאס קינד איז געבוירן, אזוי אז ער זאל קענען ארויסקומען און מאכן די ברכה "דיין האמת" אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך – אז מען זאל עס מאכן מיט שמחה.

הייליגע לעכטיגע קינדער, וואס וועט איר ענטפערן? אז דאס איז נאר פארן אדר"ת (צדיקים)? אבער די הלכה איז אין שולחן ערוך און אין די גמרא אז "דיין האמת" דארף מען מאכן מיט שמחה פונקט ווי מען מאכט א "הטוב והמטיב", שטייט נישט אין די גמרא אז דאס איז געגעבן געווארן נאר פאר די צדיקים; דאס איז געגעבן געווארן פאר אלע אידישע קינדער! הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעדער איד האט דעם כח, ווייל אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל און דאס איז דער רצון השם, האבן מיר זיכער די כוחות דערצו. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיך אייך פרעגן א שאלה.

ס'מאכט זיך, רחמנא ליצלן, טראגעדיעס. ס'זאל מער נישט זיין, "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום". אבער אמאל קען א מענטש טראכטן: אוי, רבונו של עולם, ער האט געהרגעט א איד! איינער מיט א קאר, איינער מיט א באס, איינער האט זיך איבערגעדרייט, אדער איינער איז אראפגעפאלן אויף א קינד. דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן אז אזעלכע זאכן זאלן געשען; ס'זאל מער נישט געשען! און מען שפירט: רבונו של עולם, וואס איז דא געשען? מען קען זיך נישט בארואיגן, מען האט געהרגעט א איד!

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איך וויל זאגן א גוט ווארט פונעם זיידן זכרונו לברכה. איך געדענק ווען ס'איז געווען די "קאלטע קריג", ווי מען האט עס גערופן, צווישן אמעריקא און רוסלאנד. מיט אסאך יארן צוריק איז דער פירער אין רוסלאנד געווען גארבאטשאוו. איין טאג איז מען געקומען זאגן פארן זיידן אז גארבאטשאוו האט געסטראשעט אז ער גייטווארפן אן אטאם-באמבע אויף אמעריקע. האט דער זיידע געפרעגט: "וואס איז דאס אן אטאם-באמבע? וואס מיינט דאס, אז עס קען חס ושלום פארטיליגן גאנץ אמעריקע? דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן!" האט דער זיידע זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "**דעם אייבערשטנס וועלט קען א בשר ודם נישט חרוב מאכן.**"

איר הערט די ווערטער? דעם אייבערשטנס וועלט קען א בשר ודם נישט חרוב מאכן! אזוי ווי עס שטייט אין די משנה "בעל כרחך אתה חי" – א מענטש לעבט בעל כרחו, און בעל כרחו גייט מען אוועק פון די וועלט. דאס איז אלעס ביד ה', ס'איז בכלל נישט אין אונזערע הענט. "החיים והמות ביד הקדוש ברוך הוא". אויב אזוי, ווי קען א בשר ודם אוועקנעמען דאס לעבן מען קען נישט אוועקנעמען דאס לעבן פון א מענטש ווען דער אייבערשטער האט עס געגעבן, און בפרט ווען עס איז געווען אן אונס, וואס מען האט עס בכלל נישט געוואלט טון. אלא מאי, דאס איז געווען דער רצון ה', און דער אייבערשטער וויל אז דער מענטש זאל ווייטער לעבן בשמחה, לעבן פרייליך און לעבן רואיג. אויב האט מען געדארפט א תיקון אויף עפעס? האסטו שוין געהאט דעם תיקון; דאס אליין איז דער תיקון. נאָך א תיקון דארף מען שוין נישט קיין צווייטן תיקון. הייליגע לעכטיגע קינדער, אמונה פשוטה, לעבן מיט אמונה.

**די מעשה פון ר' שמואל סיראטא און די כח פון תמימות'דיגע תפילה**

עס איז געווען אין ירושלים עיר הקודש ר' שמואל סיראטא. ר' שמואל סיראטא איז געווען א איד וואס איז געווען דורכגעווייקט מיט אמונה פשוטה, און ער האט דערציילט א הפלא'דיגע מעשה. עס איז געווען עטליכע יאר נאך זיין חתונה, ווען ער האט שוין געהאט א שטוב מיט עטליכע קליינע קינדער. אין יענע צייטן, וויאזוי פלעגט מען וואשן די וועש? מען פלעגט קויפן געוויסע שארפע כעמיקאלן, מען פלעגט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת ראה כא מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איינוויקן די וועש, און דערנאך פלעגט מען עס רייבן מיט די הענט, איין פינגער אויפ'ן צווייטן מיט די וועש אינדערמיט. נאכ'ן אויסרייבן די וועש, פלעגן די פינגער און די הענט זיין גוט צוריבן. פלעגט מען דעמאלטס קויפן א געוויסע זאלב וואס מען פלעגט ארויפשמירן אויף די פינגערס און אויף די הענט, און דאס פלעגט אויסהיילן די שווערע מכות וואס דאס רייבן די בגדים מיט די כעמיקאלן און די זייפן האבן אנגעמאכט אויף די הענט.

איין טאג, ווען זיין רעבעצין האט געדארפט וואשן די וועש – מען פלעגט נישט וואשן וועש יעדן טאג, נאר איין מאל א וואך אדער איין מאל אין צוויי וואכן – האט די רעבעצין אים דערמאנט אז היינט גייט זי וואשן וועש, און ער זאל געדענקען אויפ'ן וועג אהיים פון כולל צו ברענגען א פלעשל פון די זאלב, כדי זי זאל עס האבן פאר אירע הענט. ער האט טאקע געמאכט זיכער אז עס איז דא א פלעשל פון די זאלב אינדערהיים; ער האט עס אראפגעלייגט דארט וואו ער לייגט עס שטענדיג ווען ער ברענגט עס אהיים, און ער איז ווייטער געגאנגען רואיגערהייט לערנען אין כולל.

ער איז אהיימגעקומען שוין ביינאכט, קרוב צו חצות הלילה, און די רעבעצין ווייזט אים אז איר האנט איז אויפגעבלאזן. ער גיט א קוק און האט זיך ממש דערשראקן; די פינגער זענען אויפגעבלאזן מיט מכות, די גאנצע האנט איז געשוואלן און צוריבן, און עס ווערט נאר ערגער און בלאזט זיך אלס מער אויף. ער פרעגט די רעבעצין: "פארוואס האסטו נישט גענוצט די זאלב?" זאגט זי אז זי האט עס נישט געקענט טרעפן. ער איז געגאנגען זוכן אהער און אהין, ער איז אפילו ארויסגעגאנגען אינדרויסן, ביז מ'האט עס ענדליך געטראפן — אויסגעגאסן. עס זעט אויס ווי איינע פון די קינדער האבן גענומען דעם פלעשל זיך צו שפילן דערמיט, און האבן עס אויסגעגאסן. ער איז געווען זייער צובראכן; די רעבעצין איז אין שרעקליכע יסורים, עס איז שוין חצות הלילה, און ער ווייסט נישט וואס ער קען יעצט טון.

איז ער אריינגעגאנגען אין ספרים-שטוב און האט געזאגט פארן הייליגן באשעפער די ווערטער: "**רבונו של עולם, דו ביסט דאך א כל-יכול; עס איז נישטא קיין ספק אז נאר דו קענסט אונז העלפן. טו מיט אונז חסד ואמת. מיר דארפן דאך די זאלב! הייליגער באשעפער, דו ביסט דאך דער גרויסער בעל רחמים, מיין רעבעצין מוטשעט זיך מיט אזעלכע ווייטאגן און יסורים. הייליגער באשעפער, דו ווייסט דאך פונקטליך וויאזוי מען נעמט אוועק די יסורים און וויאזוי מען היילט אויס די האנט, העלף אונז!" אזוי האט ער געבעטן דעם אייבערשטן**.

ער האלט נאך אינמיטן אזוי דאווענען צום אייבערשטן, און פלוצלונג קלאפט מען אין די טיר. ער עפנט אויף די טיר, און זעט איינעם פון די פירערס פון כולל, ר' שמואל פרעגט אים: "וואס מאכט איר? וואס קלאפט איר אינמיטן די נאכט?" זאגט ער אים, אז עס איז שוין געווען מיט א פאר וואכן צוריק א גורל, און ער, ר' שמואל סאראטא, האט געקויפט א גורל און געוואונען א פלעשל פון די זאלב. דער פירער פון כולל פארציילט, אז ער דרייט זיך שוין ארום מיט דעם פלעשל א לענגערע צייט - שוין א פאר וואכן - און ער איז קיינמאל נישט אנגעקומען עס צו ברענגען צו אים; ווייל יעדעס מאל ווען ער האט זיך דערמאנט, איז שוין געווען אינמיטן די נאכט, און ער האט נישט געוואלט קלאפן אויף יענעמ'ס טיר אזוי שפעט. יעצט, ממש פריער, האט ער זיך ווייטער אנגעשטויסן אין דעם פלעשל און געזען אז עס איז נאך ביי אים. האט ער געטראכט צו זיך: ער קען זיך נישט שלעפן דערמיט נאך א וואך און נאך א וואך; ער וועט צוגיין צו די טיר און זען אויב מען איז נאך אויף. ער האט זיך געשטעלט אונטער די טיר און געהערט ווי מען רעדט, האט ער פארשטאנען אז מען איז נאך אויף, האט ער אריינגעקלאפט און געברענגט דעם פלעשל.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. ר' שמואל סאראטא פלעגט זאגן ווען ער פלעגט דאס דערציילן: "דו זעסט, **א מענטש טראכט נישט פון וואו די ישועה וועט קומען, א מענטש דאווענט און גלויבט, און די ישועה קומט; עס האט גארנישט מיט דעם וויאזוי א מענטש טראכט.**" א מענטש דארף קיינמאל נישט מאכן קיין אייגענע חשבונות. התהלך עמו בתמימות, השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך, כגמול עלי אמו.

**א פייג און א פייף פארן יצר הרע: א סך הכל פון חיזוק**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייט זיך נאר מחזק. דער יצר הרע וויל אונז צוברעכן; ער האט ליב יאוש, ער האט ליב עצבות, ער האט ליב צו טראכטן פון נעכטן און אייערנעכטן – ער האט ליב אלע זאכן וואס צוברעכן א מענטש. דאס איז זיין גאנצער יסוד. **אבער מיר גייען זאגן א פייג און א פייף אויפ'ן יצר הרע**! מיר טראכטן נאר גוט, מיר גלויבן נאר אין גוט, מיר רעדן נאר גוט, און מיר זעען אן עתיד פון גוטס. דער עבר איז געווען גוט, דער הוה איז גוט, און אונזער עתיד איז גוט. טוב ה' לכל – דאס רעכנט אריין מיך און יעדן איד – ורחמיו על כל מעשיו, קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראהו באמת. דאווענען צום אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן, האפן צום אייבערשטן, און לעבן מיט'ן אייבערשטן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, שטארקט אייך! שטארקט אייך, אידעלעך! פועל'ט אלעס גוטס, אך טוב וחסד און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת ראה כא מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

# כיבוד אב ואם

**די וויכטיגקייט פון לערנען די הלכות פון כיבוד אב ואם**

בסייעתא דשמיא, כיבוד אב ואם, צען מינוט, דער אכצנטער שיעור.

מ׳דערציילט אז דער הייליגער שינאווער רב, דער בעל דברי יחזקאל, איז דאך באקאנט אז ער האט געוואלט זיין טאטע זאל מאריך ימים ושנים טובים זיין. בקיצור, סוד ה׳ ליראיו, וואס פארשטייען מיר פשוט׳ע מענטשן, ער פלעגט זיך אסאך מתווכח זיין מיט זיין טאטן, דער הייליגער צאנזער רב, דער דברי חיים זכר צדיק וקדוש לברכה. מ׳דערציילט אבער, אז יעדעס מאל פאר ער איז געקומען זיך מתווכח זיין מיטן טאטן, האט ער דורכגעלערנט די הלכות פון כיבוד אב ואם אין שולחן ערוך; נאכאמאל און נאכאמאל האט ער עס דורכגעלערנט. אפילו זיין כוונה איז געווען לשם שמים, פאר די אריכות ימים ושנים פון זיין טאטן, פונדעסטוועגן האט ער געדארפט זיין גאר פארזיכטיג זיך צו מתווכח זיין אן עובר זיין אויף די הלכות פון כיבוד אב ואם.

דער חזון איש האט געזאגט, אז **א בחור דארף דרייסיג טעג פאר ער גייט אהיים פון ישיבה איבערחזר׳ן און דורכלערנען די הלכות פון כיבוד אב ואם**, פונקט ווי חז״ל זאגן אז דרייסיג טעג פאר א יום טוב דארף מען חזר׳ן די הלכות פונעם יום טוב. די זעלבע זאך דארף א בחור אין ישיבה טון דרייסיג טעג פאר ער קומט אהיים, ער דארף גוט דורכחזר׳ן די הלכות פון כיבוד אב ואם. און כל שכן די וואס געפינען זיך אינדערהיים תמידים כסדרן, זיי דארפן זיכער כסדר חזר׳ן הלכות כיבוד אב ואם, לערנען אינעם שולחן ערוך, אין די קיצור ספרים, אין די מוסר ספרים און אין די חסידות ספרים. מען דארף לערנען מאמרי חז״ל, מוסר און חסידות, כדי צו וויסן באמת וויאזוי מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם און נישט נכשל ווערן חלילה וחס אין די עבירה וואס ווערט פאררעכנט אלס חמורה שבחמורות.

אין ספר הכנה דרבה (אות י׳) ברענגט ער וואס חז״ל זאגן ״אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה״, און ער טייטשט עס אויף אזא אופן: ״גומרה״ מיינט לערנען. דאס הייסט, **א מצוה ווערט נישט אנגערופן קיין מצוה – מען קען עס נישט מקיים זיין בשלימות און עס האט נישט קיין חשיבות – נאר אויב מען האט פארדעם דורכגעלערנט** און מען קען גוט די אלע הלכות וואס זענען נוגע.

**די מצוה פון מורא האבן פאר די עלטערן**

ביז יעצט האבן מיר גערעדט פון כיבוד אב ואם, און מיר וועלן ווייטער ממשיך זיין מיט כיבוד אב ואם, אבער יעצט וועלן מיר שוין אנהויבן רעדן אויך פון יראת אב ואם. דער לשון פונעם ספר החינוך אין מצוה רי״ב איז ״לירא מהאבות״, מורא צו האבן פון די עלטערן; דאס הייסט, אז א מענטש זאל זיך פירן מיט זיין טאטע און מאמע מיט אן אויפפירונג וואס א מענטש פירט זיך מיט איינעם וואס ער האט מורא פון אים, שנאמר: ״איש אמו ואביו תיראו״.

דער רמב״ם איז עס מער מבאר. דער רמב״ם זאגט, אז מען זאל זיך פירן מיט זיי אזוי ווי איינער וואס האט מורא אז דער מלך וועט אים באשטראפן. מען זאל זיך אומגיין מיט די עלטערן אזוי ווי מיט איינעם וואס מען האט מורא פון אים, און מען שרעקט זיך וואס עס וועט געשען אויב מען וועט זיך נישט אויפפירן גוט, און וואס יענער וועט אים טון. אזוי דארף מען זיך אויפפירן מיט מורא פון די עלטערן.

אין ספר חרדים ברענגט ער עס ארויס נאך שטערקער: ״ידמה אותם בעיניו״ - **א מענטש דארף זיך פארשטעלן אין זיינע אויגן אז זיינע עלטערן זענען ווי א מלך און א מלכה. ער זאל ציטערן פון עובר זיין אויף זייער רצון**; וואס זיי באפעלן אים זאל זיין ביי אים ווי א באפעל פונעם מלך, ער זאל נישט אוועקבייגן דערפון, נישט רעכטס און נישט לינקס. די לשון פון ״מורא״, זאגט דער חרדים, איז נאר שייך ביי אן אדון אדער א מלך איבער זיינע קנעכט, אזוי ווי עס שטייט: ״ואם אדונים אני איה מוראי״, און ״ירא את ה׳ בני ומלך״. זאגט דער ספר חרדים, אז דער כלל פון מורא אב ואם איז, אז מען דארף זיך אויפפירן מיט א טאטע און א מאמע פונקט ווי מען וואלט זיך אויפגעפירט מיט א מלך בשר ודם, וואס מען האט מורא אז ער וועט אים חלילה אראפהאקן דעם קאפ.

אזוי שרייבט דער ספר חרדים בלשונו. ממילא ברענגט ער ארויס אז דאס זאגט די גמרא, אז אפילו זיי צרייסן אים זיינע קליידער, זיי שפייען אים אין פנים, אדער זיי שלאגן אים, דארף ער שווייגן און סובל זיין צוליב פחד ה׳, ווייל דער אייבערשטער האט צוגעגליכן די מורא פון א טאטע צו די מורא שמים. עס שטייט ״את ה׳ אלקיך תירא״, און גלייך דערנאך שטייט ״איש אמו ואביו תיראו״. עס זענען דא דריי שותפים אין דעם באשאף פון א מענטש: דער טאטע, די מאמע, און דער הקדוש ברוך הוא. ווען מען איז מצער די טאטע און מאמע, איז עס פונקט ווי מען איז מצער דעם הייליגן באשעפער אליין.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת ראה כא מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**א טאטע איז פונקט ווי א מלך**

אין פרקי דרבי אליעזר פרק ל"ט, און אין ילקוט שמעוני פרשת ויגש, שטייט אויפן פסוק "ויאסר יוסף מרכבתו": יוסף הצדיק האט געהערט אז זיין טאטע מיט די ברידער זענען אנגעקומען און זיי האלטן שוין ביי די גרעניצן פון מצרים, האט ער גענומען אלע זיינע מענטשן און איז ארויסגעגאנגען אנטקעגן זיין טאטן. איז דאס דען דער סדר פון א מלך ארויסצוגיין אנטקעגן מענטשן? דער שטייגער איז דאך אז מענטשן קומען צום מלך, און נישט אז א מלך זאל ארויסגיין מקבל פנים זיין אנדערע מענטשן. זאגט אויף דעם דער פרקי דרבי אליעזר: "אלא ללמדך", דער פסוק קומט אונז דא לערנען, **"שאביו של אדם כמלכו" - אז א טאטע פון א מענטש איז פונקט ווי זיין מלך**.

לאמיר זיך אריינטראכטן אין די ווערטער וואס מיר האבן דא געזאגט. **די תורה הקדושה פאדערט פון א מענטש, אז ווען ער רעדט צו זיין טאטע און מאמע, ווען ער באדינט זיין טאטע און מאמע, און ווען ער געפינט זיך ארום זיי, זאל ער רעדן צו זיי, שטיין פאר זיי, און זיי באדינען מיט אזא באנעמונג כאילו ער שטייט יעצט פאר א מלך בשר ודם**, וואס ביי יעדע ריר וואס איז נישט ריכטיג קען ער אים אראפהאקן דעם קאפ; מיט אזא יראת הכבוד און א יראת העונש. ס'איז נישט נאר א יראת הכבוד, נאר עס דארף זיין א יראת העונש. די תורה הקדושה וויל אז מען זאל מורא האבן פון א טאטע און א מאמע; נישט מורא האבן אז דער טאטע און די מאמע וועלן דיך שלאגן אדער אראפהאקן דעם קאפ, נאר מצד פחד השם. זאלסטו זיך מדמה זיין כאילו א מלך בשר ודם שטייט דא, און אזוי זאלסטו זיך אויפפירן צו דיינע עלטערן. און דער פחד איז ווייל דער אייבערשטער, דער הייליגער באשעפער, האט מדמה געווען די מורא פון אן אב ואם צו די מורא שמים.

**למעשה: וויאזוי דארף מען זיך פירן אין די געגנווארט פון עלטערן?**

מיר דארפן זיך אריינטראכטן וואס מיר ערלויבן זיך אלץ, און די וועג וויאזוי מיר רעדן צו א טאטן. ווען מיר זיצן למשל ביים טאטנ'ס טיש און דער טאטע רעדט, און מען האקט אים איבער, אדער מען הערט נישט אויס, אדער מען נעמט ארויס א טעלעפאן און מען רעדט דערויף, צי מען טעקסט, אדער מען ליינט, אדער מען עפנט אויף א ספר. דו ווייסט וויאזוי מען דארף זיצן ביי א שבת'דיגע סעודה ביי א טאטן? וויאזוי מען דארף זיצן בכלל, אפילו ביי א שמחה ווען מען זיצט אין דער געגנווארט פון א טאטע; וויאזוי מען דארף רעדן צו א טאטע, און וויאזוי מען דארף רעדן צו א מאמע. מיר קענען זיי נישט געבן קיין פסקים, פונקט ווי מען קען נישט געבן א פסק פאר א מלך. מיר קענען זיי נישט אנשרייען, מיר קענען זיי אפילו נישט ווייזן קיין שום צורה פון צער, ווייל מיר טארן זיי נישט מצער זיין. ביי א מלך בשר ודם, אויב דו קומסט אריין און דו ווייזסט אים אזא פנים פון אומצופרידנקייט, איז עס "אחת דתו", עס הייסט א מורד במלכות. **מיר דארפן טראכטן, די ראשונים ברענגען ארויס אז די תורה הקדושה פאדערט פון יעדן איד ער זאל נישט זיין א מורד במלכות, ער זאל נישט מורד זיין אין זיינע עלטערן**. אויף יעדע זאך וואס האט א דין פון א מורד במלכות, און אפילו אויב עס איז נישט קיין מורד במלכות, אויב מען וואלט דאס נישט געטון פאר א מלך בשר ודם, טאר מען דאס נישט טון פאר עלטערן. מיר דארפן געבן כבוד און ווייזן א מורא מיט א פחד, מיט א התקרבות און מיט א חשיבות.

דערהויבנקייט. אוי, ס'איז מיין טאטע, ס'איז מיין מאמע. מען דארף אפמעסטן יעדעס ווארט פארן ארויסזאגן פון מויל: וואס איך זאג, ווען איך זאג, וויאזוי איך זאג עס, און וויאזוי איך ענטפער צוריק.

עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז ווען מען איגנארירט א טאטע און א מאמע – מען רופט זיי נישט, מען מאכט זיך נישט וויסנדיג פון זיי, מען פארט נישט אויף שבתים אדער ימים טובים, מען באגריסט זיי נישט – אז "איך טשעפע נישט". וואלסטו דאס געטון פאר א מלך בשר ודם? וואלט דאס נישט געווען קיין מרידה במלכות? ווען דו טוסט דאס פארן הייליגן באשעפער כביכול – ווען דו הערסט א קדיש אדער א ברכה און דו ענטפערסט נישט אמן, אדער דו עסט עפעס אן מאכן א ברכה – איז עס די זעלבע זאך. דער אייבערשטער האט עס צוגעגליכן; עס איז די זעלבע זאך. עס זענען חמורות שבחמורות, און מען שפילט זיך ארום מיט אזעלכע הארבע זאכן.

און דער אייבערשטער, כדי מיר זאלן האבן די כוחות, די מוחות און דעם חשק, האט אונז געגעבן אזויפיל שכר. מיר האבן אזויפיל שכר, אזויפיל ישועות, רפואות, ברכות, הצלחה און אריכות ימים. דער אייבערשטער גיט אונז אזויפיל גוטע זאכן, כדי מיר זאלן טאקע האבן דעם חשק און די כוחות צו דעם, און מיר זאלן זיך וועלן מוסר נפש זיין דערפאר. הצלחה וברכה און סיעתא דשמיא.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראה כב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, מיטוואך פרשת ראה, כ"ב מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

**די שמחה פון א איד און זיך פרייען מיט'ן באשעפער**

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער. **איך בין בשמחה, איך בין געווען בשמחה, און איך וועל זיין בשמחה**. א איד ווייסט נישט פון גארנישט אנדערש ווי שמחה. פרייליך! פארוואס בין איך פרייליך? מיר ווייסן דאך שוין דא אין "פנים מאירות" – "שלא עשני גוי". פארוואס בין איך פרייליך? "בנים אתם לה' אלקיכם". פארוואס בין איך פרייליך? ווייל איך האב א תורה. מיר גלייבן אינעם אייבערשטן, און מיר פרייען זיך אז מיר פארשטייען, מיר האבן און מיר ערקענען אז "טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו". מיר פרייען זיך מיט'ן באשעפער; נישט מיט געלט, נישט מיט כבוד, נישט מיט דעם וואס איך האב יא, און נישט מיט דעם וואס איך האב נישט. איך פריי מיך אז איך בין א איד, איך פריי מיך מיט'ן בורא כל עולמים, "אין עוד מלבדו".

**זוכן זכותים אויף אידישע קינדער און נישט מקטרג זיין**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער הייליגער בני יששכר ברענגט די וואך אין אגרא דכלה אויפ'ן פסוק "לא תעשון כן לה' אלהיכם": ער ברענגט א פשט וואס ער האט געהערט, אז דאס ווארט "כן" איז א לשון פון גערעכט אדער רעכטפארטיג. זאגט ער, אז דער הייליגער באשעפער וויל אז די צדיקים און אידישע קינדער זאלן מבטל זיין די גזירות; דאס איז די גאנצע שעשועים, די הנאה און דער געשמאק וואס דער באשעפער האט כביכול, ווען א צדיק פועל'ט אויס מבטל צו זיין זיינע גזירות. זאגט דער הייליגער בני יששכר, אז א צדיק זאל נישט זאגן אז די דינים פונעם אייבערשטן זענען גערעכט. מען טאר נישט מקטרג זיין, און מען דארף אלעס מקבל זיין באהבה, נייין "לא תעשון כן" מיינט, אז דו זאלסט נישט געבן גערעכט פאר'ן הייליגן באשעפער אויף די גזירות, נאר דו זאלסט טרעפן מליצי יושר און זוכן א לימוד זכות אויף אידישע קינדער. דער הייליגער באשעפער שרייבט, ישעיהו הנביא זאגט עס אין פרק מ"ג: "ספר אתה למען תצדק" – פארציילן פאר'ן אייבערשטן זאכן וואס ברענגען ארויס די גערעכטיגקייט פון אידישע קינדער. ווי מיכה הנביא זאגט: "כי חפץ חסד הוא", דער הייליגער באשעפער זוכט חסד כביכול.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען אויך פון די צדיקים. יעדער איד דארף זען צו זיין א מלמד זכות אויף אידן, רעדן גוטס אויף אידן, און ברענגען פארן אייבערשטן די גוטסקייט און די וואוילקייט פון זיינע קינדער. אויף זיך אליין דארף א מענטש מקבל זיין אלע יסורים באהבה, אבער אויף דעם כלליות פון כלל ישראל, "לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה' אֱלֹהֵיכֶם" – מאך נישט גערעכט דעם אייבערשטן. זאג פארן אייבערשטן: אידישע קינדער קומט זיך אז זיי זאלן האבן א שפע טובה, ברכה, הצלחה, ששון ושמחה, טוב וחסד מיט אלע השפעות טובות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס מאכט זיך אמאל אז מענטשן מאכן טעותים; מענטשן האבן ליב צו רעדן און צו באשרייבן. אמאל מאכט זיך נעבעך אזעלכע טעותים אז מען לייגט אראפ כלל ישראל כאילו זיי וואלטן געווען גנבים, רויבערס און ליגנערס; אדער מענטשן וואס ווייסן נישט וואס צו זאגן ווען מען גייט מנחם אבל זיין – ה"י – אדער מענטשן וואס ווייסן נישט וואס צו זאגן פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין קינדער, פאר עלטערע בחורים, אדער פאר צובראכענע מענטשן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די ערשטע זאך דארף מען וויסן אז יעדער איד מיינט גוט און יעדער וויל טון גוטס. א איד טאר נישט ווערן ווי געטון פון א צווייטן איד. **די ערשטע זאך זאלסטו וויסן: אלע אידן ווילן גוטס טון, אלע אידן ווילן דיר העלפן. אפילו אויב ער העלפט אויף א וועג וואס טוט דיר ווי, איז עס דיין בחירה וויאזוי עס אויפצונעמען. זיי מלמד זכות אויף אידן, זאג גוטע ווערטער אויף אידישע קינדער, טרעף דעם חסד און די שיינקייט ביים כלל ישראל**.

**די מעשה פונעם טאהשער רבי'ן און דער שוחט**

ס'מאכט זיך אמאל א איד וואס האט דיך באעולט; וויסן זאלסטו ער וויל דיך נישט באעולן, נאר אפשר געפינט ער זיך אין א שווערן מצב. מיר דערציילן אלץ די מעשה מיט'ן הייליגן טאהשער רבי'ן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. דער טאהשער רבי איז אמאל געווען מבקר חולה זיין אין שפיטאל ביי הגאון רבי פנחס הירשפרינג זצ"ל פון מאנטריאל, וואס איז געווען א גאון, א צדיק, אן ערליכער איד און א פוסק.

בשעת דער טאהשער רבי איז דארט געווען, האט הרב הירשפרינג אויפגעהויבן דעם טעלעפאן און געענטפערט שאלות. איינע פון די שאלות איז געווען אז מ'האט אים גערופן פון בית השחיטה אז מ'האט געזען א שוחט ווי ער נעמט א צווייטן שוחט'ס מיטאג אן רשות, און דער

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראה כב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ראש השוחטים האט אים געוואלט ארויסווארפן. א גנב! קען מען דען גלייבן אז ער זאל מאכן א שחיטה מהוגנת, א כשר'ע שחיטה?

דער רב הירשפרינג האט איבערגעזאגט די שאלה הויך כדי דער טאהשער רבי זאל עס קענען הערן. דער טאהשער רבי האט אים אנגעוויזן מיט די פינגער ער זאל נאכנישט ענטפערן, ווייל ער וויל אים עפעס זאגן. דער טאהשער רבי האט אים געזאגט: "דער איד איז נישט קיין גנב ער איז נישט קיין גנב; דער איד איז אזוי זיכער אז דער אנדערער שוחט וויל טון א חסד, און ער פארשטייט ווי הונגעריג ער איז און ער וויל עס אים זיכער געבן, אז ער האט אפילו נישט געטראכט אז ער דארף אים פרעגן. ער האט זיכער נישט געגנב'עט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז אזוי אמת דאס; ס'איז נישט נאר א לימוד זכות, נאר ס'איז דער ריינער אמת. ס'מאכט זיך אמאל אז א איד טראכט נישט ריכטיג, ס'מאכט זיך אויך אז דו טראכסט נישט ריכטיג און דו מיינסט אז יענער באוולט דיך. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'טאר נישט ארויסברענגען די שוואכקייטן פון אידישע קינדער, און מ'טאר נישט אריינוואשן אין אידישע קינדער. אז דו ווילסט איינעם מעורר זיין פריוואט, שטילערהייט, אוודאי דארף מען מעורר זיין. **אבער בכלליות, צו רעדן און שרייבן אויף כלל ישראל, דארף מען נאר רעדן טובה וחסד, לימוד זכות, און מעורר זיין רחמים. ובפרט יעצט אין די הייליגע טעג, די ימים קדושים, די ימים נוראים, די ימי הדין און די ימי הרחמים והרצון, ווען יעדער ווינטשט א כתיבה וחתימה טובה. פאר וועם? פאר די הייליגע לעכטיגע ערליכע אידישע קינדער**.

הייליגער באשעפער, דו האסט אזעלכע לעכטיגע קינדער, הייליגע קינדער, תורה'דיגע קינדער, פארכטיגע קינדער; זיי היטן די תורה, זיי האבן דיך ליב, און זיי האבן זיך ליב איינער דעם צווייטן. די שאור שבעיסה, די טומאת הגלות, מאכט אמאל אז זיי זאלן מאכן טעותים. הייליגער באשעפער, דו האסט אזא לעכטיגן דור, אזא לעכטיג פאלק. הייליגער באשעפער, משיח האט פאר וועם צו קומען, ס'איז דא מיט וועם זיך אויסצורומען. אזוי דארף א איד רעדן, און דאס דארף זיין מעומקא דליבא, באמת ובכל לבב שלם, ווייל דאס איז דער אמת'ער פנים פון כלליות כלל ישראל.

**לעבן מיט אמונה פשוטה און בטחון אינעם באשעפער**

דער הייליגער לעכאוויטשער האט געהאט א תלמיד וואס איז געווען א גדול בישראל און א בעל השגה, זיין נאמען איז געווען ר' יואל טשעפלער. ר' יואל האט געלעבט מיט א געוואלדיגע אמונה פשוטה. זיין פרנסה איז געווען פון דינגען אן ארענדע פונעם פריץ, און ער פלעגט גיין אנגעטון מיט א קליינעם פעלצל פונקט ווי די דארפסלייט. דאס הייסט, ער האט אויסגעקוקט זייער פשוט, אבער באמת פנימי פנימי איז ער געווען א דורכגעווייקטער עובד השם. ער איז געווען דבוק אינעם אייבערשטן און אין זיין רבי'ן, דער הייליגער לעכאוויטשער. ער האט געהאט קביעות'דיגע זמנים ווען ער פלעגט פארן צום רבי'ן, און איינע פון די צייטן איז געווען ליל בדיקת חמץ.

איינמאל האט ער געבעטן פון זיין ברודער'ס א זון, דאס הייסט זיין נעפיו, ער זאל קומען מיט אים צו זיין רבי'ן; ער האט געוואלט פארן מיט אים אינאיינעם. פיין, דער נעפיו האט מסכים געווען. אינמיטן וועג האט מען געדארפט דורכגיין א טייך. דער טייך אליין איז נישט געווען אזוי טיף, מ'האט געקענט גיין מיט די פיס, אבער וויבאלד ליל בדיקת חמץ איז דאך חודש אביב, חודש ניסן, ווען די שנייען צולאזן זיך פון די בערג און עס גיסט זיך אראפ וואסער פון אלע זייטן, קומט אויס אז די טייכן זענען איבערגעפילט.

זיי האבן אנגעהויבן שפאצירן אינעם טייך, אבער אינדערמיט האט דער נעפיו — דער ברודער'ס זון פון ר' יואל — געפילט אז ער שפירט שוין מער נישט דעם זאמד, די ערד, די בלאטע; ער איז ממש געווען אין די לופט. האט ער געזאגט פאר זיין פעטער ר' יואל: "וואס טוט זיך דא?!" האט ער אים געענטפערט: "עס איז גארנישט, כאפ אן מיין גארטל און מיר וועלן דורכגיין." און אזוי זענען זיי טאקע דורכגעגאנגען דעם גאנצן טייך.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום הייליגן לעכאוויטשער, האט דער הייליגער רבי געפרעגט: "ר' יואל, וויאזוי האסטו געקענט קומען?" האט ר' יואל געענטפערט: "רבי, **דער זעלבער באשעפער דורך וועמען משה רבינו האט געשפאלטן דעם ים סוף, דער כח איז נמשך אויף אלע דורות. יעדער איד, אויב ער האט אמונה פשוטה — אזוי ווי עס שטייט טאקע ביי שירת הים 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו' — קען זיך אנגארטלען מיט דעם כח האמונה און דורכגיין א וואסער אן געשעדיגט צו ווערן**."

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? מיר דארפן גלייבן מיט אן אמונה פשוטה. אלע נסים, אלע נפלאות און אלע ישועות וואס מיר דארפן, זענען שוין פארגעקומען ביי כלל ישראל פון אדם הראשון ביז היינט. "אין כל חדש תחת השמש", אלעס איז שוין געווען. יעדע מאל ווען עס איז דא א גרויסע ישועה, בפרט ווען די ישועה קומט דורך צדיקים גדולים וקדושים, בלייבט דאס לעולמי עד ולנצח נצחים פאר יעדן איינעם וואס וועט גלייבן. לאמיר לעבן מיט אן אמונה פשוטה, גלייבן אינעם אייבערשטן, גלייבן אין נסים, גלייבן אין נפלאות,

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראה כב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

און גלייבן אז עס איז גוט, עס איז געווען גוט, און עס וועט זיין גוט. לאמיר גלייבן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, אז אלעס איז לטובה ולברכה, און אז מיר וועלן זוכה זיין צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי אלעס איז טאקע לטובה ולברכה.

**די מעשה פון רבי שלמה קארלינער מיט'ן שר: מורא האבן נאר פאר'ן אייבערשטן**

דער הייליגער לעכאוויטשער האט אמאל דערציילט, אז ער איז אמאל געפארן אויפ'ן וועג מיט זיין רבי'ן רבי שלמה קארלינער אינאיינעם מיט נאך עטליכע תלמידים. אינמיטן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי א געוויסער קרעטשמע, און דער קרעטשמער האט זיי געגעבן א באזונדער פלאץ, עטליכע שטיבער ספעציעל פאר די חסידים. אינמיטן איז אנגעקומען אהין א גרויסער שר. מען האט דאן געזאגט פאר רבי שלמה קארלינער אז דער בעל הבית פון די קרעטשמע האט זייער מורא פונעם שר, און דער רבי מוז זיך אוועקרוקן פון דעם פריוואטן פלאץ און עס איבערגעבן פארן שר. אבער רבי שלמה קארלינער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און איז בכלל נישט נתפעל געווארן. באמת איז דער שר נישט געווען אזא גרויסער שר מצד די מלכות וואס מען דארף טאקע מכבד זיין, נאר דער קרעטשמער אליין האט מורא געהאט פון אים. רבי שלמה קארלינער האט זיך אבער נישט וויסנדיג געמאכט, **ווייל ער האט נישט מורא געהאט פון קיין בשר ודם, נאר בלויז פונעם אייבערשטן.**

נו, מען האט נישט געהאט קיין ברירה, און מען איז געגאנגען זאגן פארן שר אז עס געפינט זיך דא א רבינער אויפן פלאץ וואו ער וויל זיין, אין די פריוואטע אפטיילונג, און דער רבינער וויל נישט ארויסגיין פון דארט. דער שר האט זיך זייער אויפגערעגט, "א מחוצף א איד!" האט ער געזאגט פאר רבי שלמה קארלינער, "גיי ארויס פון דא!" רבי שלמה קארלינער איז ניטאמאל נתפעל געווארן, ער האט אפילו נישט געמאכט קיין בלינק מיט די אויגן, כאילו ער רעדט בכלל נישט צו אים. האט זיך דער שר אנגערופן אז אויב ער גייט נישט אוועק פון דאנעט, וועט ער אים שיסן מיט א רעוואלווער. האט אים רבי שלמה קארלינער געזאגט: "דו ווילסט שיסן? שיס!" ער האט פרובירט, אבער עס איז נישט געגאנגען, ער האט נישט געקענט שיסן.

דער הייליגער לעכאוויטשער איז דארט געווען אינאיינעם מיט רבי שלמה קארלינער. אבער דער הייליגער לעכאוויטשער איז אזוי דערשראקן געווארן ווען ער האט געזען ווי יענער הייבט אויף דעם רעוואלווער אויף רבי שלמה קארלינער, אז עס איז אים שלעכט געווארן און ער איז געווארן בלאס. זיין גאנץ לעבן נאכדעם איז ער געבליבן בלאס פון יענע מעשה. **אבער דער הייליגער רבי שלמה קארלינער האט אויסגעלערנט פאר זיינע תלמידים אז עס איז נישטא פאר וועמען מורא צו האבן נאר פארן אייבערשטן, "אין עוד מלבדו"; פאר א בשר ודם האט מען נישט קיין מורא.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נישט יעדער קען נאכמאכן די מעשה און שטיין קעגן א שר און זאגן "שיס". אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רבי שלמה קארלינער האט געוואלט אויסלערנען פאר די תלמידים אז זיי זאלן יא זיין אויף די מדרגה. לאמיר כאטש ארבעטן אויף דעם, אפילו ווען א שר שטייט נישט מיט א רעוואלווער, זאלן מיר פון גארנישט אין די וועלט מורא האבן. קיינער קען אונז נישט סטראשענען, קיינער קען אונז נישט שלעכטס טון, קיינער קען אונז גארנישט טון, און גוטס טון אויך נישט. אלעס איז בהשגחה פרטית, מיט א השגחה עליונה פונעם הייליגן באשעפער.

לעבן מיט אמונה, לעבן מיט בטחון; דאס איז דער יסוד פון "פנים מאירות אשב"ש" – שטענדיג צו לייכטן, זיין פריילך און רואיג. אויפנעמען יעדע זאך מיט א געוואלדיגע מנוחה ושמחה, מיט ישוב הדעת און הרחבת הדעת. אמונה, שלום, בטחון און שמחה. **אמונה** מיינט: איך פארליר נישט מיין אמונה. **שלום** מיינט: איך וועל קיינמאל נישט ווי טון יענעם, און איך וועל נישט ווערן ווי געטון פון יענעם. **געדענקט, שלום מיינט נישט נאר נישט ווי טון א צווייטן, שלום מיינט אויך נישט ווערן באליידיגט אדער ווי געטון, ווייל אז מען ווערט ווי געטון, טוט מען למעשה יענעם אויך ווי**; עס איז נישט דא קיין היכי תמצא אנדערש. וואס דיין הארץ טראכט, וואס דיין מוח טראכט, און וואס עס טוט זיך ביי דיר אינעווייניג אין הארץ, דאס גיבט זיך זייער שטארק ארויס אינדרויסן. מיר דארפן טיף טיף, בעומקא דליבא, מוחל זיין, סובל זיין און ליב האבן אלע אידן. **בטחון** מיינט זיין פארזיכערט אינעם אייבערשטן, אז אפילו אן איבריגע קלאפ אין הארץ זאל א מענטש נישט האבן פון קיין שום דאגה. גארנישט קיין זארגן; אן עול און אן אחריות יא, אבער נישט קיין נישט קיין דרוק, נישט קיין פרעשור, נישט קיין לחץ. **שמחה** מיינט פשוט זיין פריילך.

**די נס מיט'ן חפץ חיים אויף די באן קיין ראדין**

רבי שלום שוואדרון האט דערציילט: דער חפץ חיים איז אמאל געווען אין ווארשע און ער האט געדארפט נעמען א באן צו פארן קיין ראדין. אויפ'ן וועג האט מען זיך געדארפט אפשטעלן אין אטוואצק איבערצושטייגן פון איין באן צו די אנדערע. ווען די באן האט שוין

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראה כב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

געהאלטן גאנץ נאנט צו אטוואצק, האבן די באגלייטער פונעם חפץ חיים געזען אז ער דרימלט. זיי זענען געווען זייער באזארגט, ווייל כדי אראפצוגיין פון איין באן און שפאצירן צו די אנדערע, דארף מען האבן — ווי מען זאגט — א סך השגחה פרטית אנצוקומען צייטליך. אבער אז דער חפץ חיים דרימלט, וואס וועט זיין? מען האט אים אבער נישט געוואלט אויפוועקן. אין די רגע וואס די באן האט זיך אפגעשטעלט, האט זיך דער חפץ חיים אליין אויפגעוועקט. מען האט אים אנגעכאפט ביי די האנט; ער איז שוין דעמאלט געווען זייער אלט און זיינע פיס זענען געווען געשוואלן, וואס האט אים שווער געמאכט דאס שפאצירן. מען האט געדארפט דורכגיין א טונעל, און למעשה איז נאר געווען פונקט פינף מינוט צייט אנצוקומען צו יענע באן. עס איז געווען זייער שווער זיך פארצושטעלן וויאזוי דער חפץ חיים וועט יעצט אראפגיין פון די באן, דורכגיין דעם טונעל, צוריק ארויפגיין אויף די סטאציע, און נאך באוויזן צו כאפן יענע באן. זיי האבן נישט געוואוסט וואס דא וועט זיין, אבער דער חפץ חיים אליין איז געווען מורא'דיג רואיג.

פלוצלינג באמערקן זיי א באן קעגן איבער זיך וואס פארט אויף די פארקערטע שינעס, און עס שטייט דערויף אז זי פארט קיין ראדין; עס איז געווען א ליידיגע באן. דער חפץ חיים מיט זיינע באגלייטער זענען אלע ארויפגעגאנגען, און די באן האט אנגעהויבן פארן. ווען זי איז דורכגעפארן דעם באן-סטאנציע, האבן מענטשן געוויזן מיט די הענט אז מען זאל זיך אפשטעלן, אבער די באן האט זיך נישט געוואלט אפשטעלן און איז ווייטער געפארן, ווען נאר דער חפץ חיים מיט זיינע באגלייטער געפינען זיך דערויף.

א פאר טעג שפעטער האט די באן-באורד, די הנהלה פון די באן, ארויסגעלייגט א התנצלות און אן איבערבעטונג, אז עס איז געווען א גרויסע טעות אז די באן איז געפארן אויף אן אנדערע שינע און נישט אויף די ריכטיגע, און זי האט זיך אפגעשטעלט אין דעם נישט ריכטיגן פלאץ.

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, קודם כל איז געווען א נס אז עס איז גארנישט געשען מיט די באן, א באן וואס פארט אויף שינעס וואס זענען נישט געווען פארגעשריבן. דער הייליגער באשעפער זאל שומר ומציל זיין, מען דארף דאך אויספאלגן די הוראות ווער עס גייט דא און ווער עס גייט דארט, א באן פארט דאך אזוי שנעל.

אבער דער הייליגער באשעפער האט געזארגט פארן חפץ חיים מחמת זיין רואיגקייט, זיין אמונה און זיין זיכערקייט אינעם אייבערשטן. ער מאכט אז באנען זאלן פארן אין אנדערע ריכטונגען, ער מאכט אז דער קאנדוקטאר, דער באן-פירער, זאל נישט באמערקן ווי מענטשן שרייען און ווייזן מיט די הענט אז מען דארף זיך אפשטעלן, און זי פארט זיך רואיגערהייט ביז ראדין. דאס אלעס נאר כדי צו טראגן דעם חפץ חיים מיט זיינע מענטשן.

**סיום: משמח זיין דעם באשעפער מיט אמונה און שמחה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר לעבן בשמחה אן קיין דאגות. לאמיר לעבן מיט אמונה ובטחון, זיין פריילעך און משמח זיין יעדן איינעם. דער עיקר איז אבער משמח צו זיין קודשא בריך הוא ושכינתיה, דעם הייליגן באשעפער, אונזער טאטע אין הימל. מיר שרייען "טאטע!" מיט שמחה און פרייליכקייט, מיר זענען דא געטריי פאר דיר. אלעס איז כדי דער אייבערשטער זאל האבן פון אונז א תענוג און א נחת רוח; נאר דורך שמחה, "עוז וחדוה במקומו", האט דער הייליגער באשעפער א תענוג און א נחת רוח.

פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות ורפואות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## <u>כיבוד אב ואם</u>

הלכות כיבוד אב ואם, צען מינוט, די ניינצנטע שיעור, בסיעתא דשמיא.

**די מצוה פון כיבוד אב ואם האט נישט קיין שיעור**

אין ספר "ויברך דוד" נעמט ער צוזאמען אסאך ענינים פון כיבוד אב ואם. ער ברענגט דארט פונעם ספר יראים (סימן רכ"א), אז עס איז נישטא קיין שיעור אויף כיבוד ומורא אב ואם, וכל הזהיר הרי זה משובח. אינעם מאירי אויף מסכת קידושין (דף ל"א עמוד א') שטייט, אז מען דארף זיי מכבד זיין מיט אלע מיני כיבוד, און דאס איז איינע פון די זאכן שאין להם שיעור למעלה. אזוי פסק'נט אויך דער ב"ח אין יורה דעה (סימן רמ"א), אז די מצוה פון כיבוד אב ואם האט נישט קיין שיעור, אזוי ווי רש"י ברענגט אין מסכת פאה, וואס מיר זאגן יעדן טאג ביי ברכת התורה.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראה כב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## די הארבע שטראף פון ״ארור מקלה אביו ואמו״

מען טאר נישט מבזה זיין, פארשעמען אדער גרינגשעצן די עלטערן. אין די תורה אין פרשת כי תבא שטייט: ״ארור מקלה אביו ואמו״. דער רמב״ם זאגט אז מען טאר זיי נישט מבזה זיין, און רש״י זאגט אז מען טאר זיי נישט גרינגשעצן, א לשון פון זלזול. די גמרא פירט אויס אז ״ארור״ איז אן איסור וואס האט אין זיך א נידוי, א חרם און א קללה, אזוי ווי עס קומט אויס אין מסכת שבועות (דף ל״ו). אינעם שולחן ערוך יורה דעה (סימן רמ״א) קומט אויס, אז אפילו אויב מען איז מבזה א טאטע אדער א מאמע נאר מיט א רמיזה, גייט עס שוין אריין אינעם גדר פון ״ארור״, און דאס איז אן ״ארור מפי הגבורה״, רחמנא ליצלן.

עס שטייט אין תשב״ץ חלק ב׳ סימן קע״ז, אז אפילו אויב איינער מבזה זיין טאטע אדער מאמע מיט א בזיון קל, א גאר גרינגע און קליינע בזיון, גייט ער אריין אין דעם גדר פון ״ארור״ מפי הגבורה – ער ווערט פארשאָלטן ח״ו פונעם אייבערשטן, און מקולל מפי רוח הקודש און אויך דורך די נביאים, אזוי ווי מיר האבן שוין געברענגט די פסוקים אין די פריערדיגע שיעורים. דער רמב״ן ברענגט אז בית דין דארף שלאגן מכות מרדות און באשטראפן אויב זיי זעען אז איינער איז מבזה אדער ער טוט גרינגשעצן די עלטערן, אפילו מיט א גאר קליינע גרינגשעצונג.

אין ספר חרדים שטייט אז אפילו אויב ער פארשעמט אדער גרינגשעצט אין די עלטערן נאר ביי זיך אין הארץ, גייט ער שוין אריין אין דעם גדר פונעם לאו פון ״ארור מקלה אביו ואמו״. אין ספר חפץ חיים זאגט דער חפץ חיים אז ווען מען רעדט לשון הרע אויף א טאטע אדער א מאמע, גייט מען אריין אין דעם גדר פון ״ארור מקלה אביו ואמו״. דער הייליגער באשעפער זאל אונז אפהיטן.

רבינו יונה אין שערי תשובה (שער ג׳, סימן כ״א) שרייבט, אז ווען איינער היט נישט אָפּ די מצוה פון כיבוד אב ואם און מורא אב ואם כראוי, און ער פירט זיך נישט אויף צו זיינע עלטערן אזוי ווי עס באדארף צו זיין, גייט ער אויטאָמאַטיש אריין אין דעם גדר פון ״מקלה אביו ואמו״. אויב ער איז מזלזל אין דעם כבוד אדער אין דער מורא פון די עלטערן, איז ער שוין אין דעם כלל פון ״ארור מקלה אביו ואמו״, חלילה. דאס מיינט, אז גרינגשעצן די עלטערן, אדער נישט מכבד זיין און מורא האבן פון זיי לויט די הלכה, איז פונקט אזוי הארב ווי ער וואלט זיך געזעצט אויף זייער פלאץ אדער אויף זייער בענקל. שטעל דיר פאר, דיין טאטע און מאמע קומען אריין אין שטוב, עס קומען אריין געשוויסטער און אנדערע מענטשן צו דיין טאטן, און דו זיצסט אויף זיין פלאץ; דאס וואלט דאָך קיין איין קינד נישט געטון. ווען דו גרינגשעצט דיינע עלטערן, ווען דו ביסט זיי נישט מכבד, אדער דו ביסט זיי מבזה אויף סיי וועלכן אופן שבעולם, איז עס פונקט אזוי הארב און נאך הארבער, ווייל אויף דעם איז דא אן ענין פון ״ארור״.

עס שטייט אין חיי אדם, אז אפילו ווען א טאטע און א מאמע רעדן שטותים, טאר א קינד נישט לאכן דערפון. אויף דעם גייט ארויף דער פסוק וואס מיר האבן שוין געשמועסט אין די פריערדיגע שיעורים, אז חלילה וחלילה אויב מען לאכט אפ פון עלטערן, קומען די רויבפויגל און זיי לעכערן אויס די אויגן, אזוי ווי מיר האבן שוין דערמאנט.

### וויאזוי די אויפפירונג פונעם קינד ברענגט כבוד אדער בזיון פאר די עלטערן

אין ספר קיצור שולחן ערוך (סימן קמ״ג סעיף כ״א) שרייבט ער, אז א קינד וואס פירט זיך נישט אויף ערליך, און דורכדעם פארשעמט ער און מאכט בושות פאר די עלטערן, איז ער עובר אויף דעם איסור פון ״ארור מקלה אביו ואמו״. עס שטייט אין פסוק: ״וּבַת אִישׁ כֹּהֵן כִּי תֵחֵל לִזְנוֹת אֶת אָבִיהָ הִיא מְחַלֶּלֶת בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף״; דאס מיינט, אז ווען א קינד פירט זיך נישט אויף ערליך, פארשעמט זי און איז מבזה דעם טאטן און די מאמען. אזוי ברענגט רש״י אויפן פסוק ״וּבַת אִישׁ כֹּהֵן כִּי תֵחֵל לִזְנוֹת״, אז דאס איז א גמרא אין מסכת סנהדרין דף נ״ב.

רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל אין שו״ת שלמת חיים (סימן שי״ט) ברענגט, אז אויב דורך די מעשים פון א מענטש ווערט א פגם אין דעם כבוד פון דעם טאטן אדער דער מאמען, אפילו אויב ער איז נישט עובר קיין עבירה בפועל, איז ער עובר אויף אן איסור דאורייתא פון כיבוד אב ואם. ובפרט אויב דער טאטע איז א מפורסם בתורה ובמעשים טובים, דעמאלטס, אויב א זון איז עובר אפילו אויף א מדת חסידות, ווערט עס שוין פאררעכנט אלס אן איסור תורה; ווייל מענטשן זאגן: ״אזא מענטש ווי דער איד, וואס איז אזוי מפורסם בתורה ומעשים טובים, אזעלכע קינדער האט ער אויפגעצויגן?!״ דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן אלע הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

עס שטייט אבער אויך פארקערט: אז ווען א קינד איז עוסק בתורה ובמעשים טובים און פירט זיך אויף ערליך, איז דאס דער גרעסטער כבוד פאר די עלטערן, ווייל מען זאגט ״וואויל איז פאר די עלטערן וואס האבן ערצויגן אזא קינד.״

קינדער, ווען זיי רעדן צווישן זיך וועגן די עלטערן, דארפן זיי זייער אכטונג געבן נישט צו רעדן קיין שלעכטס, נישט מזלזל צו זיין, און נישט גרינגשעצן. מען טאר נישט רעדן קיין לשון הרע אדער רעדן אויף אן אופן, חלילה וחלילה, וואס קען אוועקמאכן די עלטערן. ווייל

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראה כב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אויב יא, זענען זיי עובר אויף די מצוה פון כיבוד ומורא און אויף דעם "ארור מקלה אביו ואמו". אזוי קומט אויס אין די פסקים: אז אפילו שלא בפניהם, ווען די קינדער רעדן צווישן זיך — און אוודאי כל שכן פאר אנדערע מענטשן — זענען זיי עובר אויף דעם איסור פון ארור מקלה אביו ואמו.

**די פראבלעם פון איגנארירן און בלאזן אויף עלטערן אין אונזער דור**

**יעצט לאמיר אריינטראכטן: עס זענען היינטיגע צייטן דא קינדער, רחמנא ליצלן, וואס גייען נישט צו די עלטערן אויף שבתים, זיי רופן נישט זאגן גוט שבת, זיי רופן נישט אינמיטן די וואך פרעגן וואס עס טוט זיך, זיי קומען זיך בכלל נישט צונויף מיט די עלטערן, זיי בלאזן אויף די עלטערן, און זיי איגנארירן די עלטערן. דאס אלעס טוען זיי ווייל זיי האבן טענות אויף די עלטערן, צי ווייל זיי ווילן "רעכטשטעלן" די עלטערן, אדער ווייל זיי שפירן אז זיי קענען עס מער נישט אויסהאלטן. האבן מיר א שאלה צו דיר: דו קענסט עס נישט אויסהאלטן פאר זיך, אבער אן "ארור" – א קללה פון די תורה – דאס קענסטו יא אויסהאלטן? נישט נאר וואס עס איז דא אן ארור, נאר אין די תורה שטייט "למען ייטב לך", און אויב מען פאלגט נישט נאך, וועט עס טאקע נישט זיין גוט. אין די תורה שטייט אז כיבוד אב ואם ברענגט אריכות ימים, און אויב נישט, זאגט רש"י, וועט דער אייבערשטער מקצר זיין די ימים. יעצט, וואס האסטו דיר דא בעסער געמאכט?**

די מציאות הדבר איז, מיר קוקן זיך שוין צו אזויפיל יארן, אז אלע קינדער וואס טשעפען די עלטערן האבן נישט קיין מנוחה, נישט בזה און נישט בבא. זיי מוטשען זיך מיט די אייגענע קינדער – קינדער עזי פנים, קינדער וואס האבן פארשטאפטע קעפ און ווילן נישט לערנען, קינדער וואס ווילן נישט גיין בדרך התורה, קינדער וואס זענען בוגד און שטויסן די עלטערן, רחמנא ליצלן. מען מוטשעט זיך מיט פרנסה, מען מוטשעט זיך מיט געזונט, און מען מוטשעט זיך מיט נאך פילע אנדערע זאכן.

**כיבוד אב ואם: די סגולה פאר אלע ישועות**

דער הייליגער באשפער זאל אפהיטן, אז מען קוקט זיך אום בזמנינו, זעט מען אז אידישע קינדער דארפן אזויפיל ישועות ברוחניות ובגשמיות; מען טראכט פון סגולות און עצות, און מען גייט צו מקומות הקדושים. רבותי, עס וועט אונז גארנישט העלפן! כל זמן מיר וועלן נישט נעמען די מצוה פון כיבוד אב ואם אין די הענט אריין, וועט גארנישט ארבעטן. מיר דארפן הארעווען און אריינלייגן געוואלדיגע כוחות זיך מתגבר צו זיין אויפן ענין פון כיבוד אב ואם מיט א מסירות נפש גמור. באמת איז דאס אבער נישט קיין עכטע מסירות נפש, ווייל "שכרו בצדו" – די שכר, די ישועות, די ברכות און די הצלחות וואס מיר זענען זוכה דורך דעם, וואס דער אייבערשטער גיט אונז שוין בעולם הזה, זענען אזוי גרויס אז מען קען עס אפילו נישט רופן קיין מסירות נפש.

און אפילו אויב עס מאכט זיך ביי געוויסע מענטשן אז די עלטערן מאכן זיך נישט וויסנדיג פון די קינדער, טארן די קינדער נישט צוריקטוהן. די קינדער דארפן ווייטער רופן זאגן "גוט שבת" און אריבערקומען, אפילו אויב מען שרייט אויף זיי. אזוי שטייט אין די גמרא און אזוי שטייט אין שולחן ערוך. די קינדער דארפן טוהן וואס זיי קענען מקיים צו זיין די מצוה.

אויב עס זענען דא שוועריגקייטן, טאקע דערפאר האבן מיר געמאכט די "באַרדערליין" שיעורים אויסצולערנען וויאזוי מען קען עס יא טוהן און מקיים זיין די מצוה באהבה, ביראה ובשמחה, כדי מען זאל חס ושלום נישט דארפן ליידן אויף אן אופן וואס גרעניצט זיך מיט סכנת נפשות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעדער איינער דארף ישועות און גאנץ כלל ישראל דארף ישועות. כיבוד אב ואם איז דער ענטפער אויף אלע שאלות; דאס ברענגט הצלחה, ברכה און סיעתא דשמיא.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת עקב טז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, דאנערשטאג פרשת עקב, ט"ז מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן,און א לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

**די ליבשאפט פונעם אייבערשטן און די געוואלדיגע שמחה פון א איד**

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער, מיר זענען דאך אזוי גליקליך! ווען מען קוקט אריין אין די וואכעדיגע פרשה, זעט מען אז פיר מאל ווערט ארויסגעברענגט אז מען דארף ליב האבן דעם אייבערשטן. עס ווערט ארויסגעשריבן בלשון אהבה, ליב צו האבן דעם באשעפער. **אין די וואכעדיגע פרשה ברענגט דער הייליגער באשעפער אזוי שטארק ארויס די אהבה וואס אידישע קינדער האבן צום אייבערשטן, און די אהבה וואס דער הייליגער באשעפער האט צו אידישע קינדער**. ווען מען קוקט זיך אום אין די פסוקים פון די פרשה ווערט מען פשוט פרייליך; מען באקומט אזא חיזוק און מען שפירט זיך אזוי דערהויבן, אזוי חשוב, אזוי פאזיטיוו, אזוי פרייליך און גליקליך אז מיר האבן די זכיה. דער הייליגער באשעפער רעדט צו אונז אזוי ווארעם, אזוי געשמאק און אזוי זיס, כביכול. דער הייליגער באשעפער זאגט אונז צו אזעלכע גוטע זאכן. דער באשעפער זאגט אונז אויך אז מען דארף מורא האבן פאר אים; ער שרייבט אין די תורה הקדושה און זאגט אונז וואס עס פאסירט ווען מען היט נישט די תורה, אבער דאס אלעס קומט מחמת אהבה, **ווייל דער אייבערשטער וויל אונז אויפהייבן און אונז ברענגען נאנט צו אים**. דאס איז דער וועג וויאזוי דער אייבערשטער ברענגט ארויס אזוי שטארק אין די וואכעדיגע פרשה אונזער ליבשאפט צום אייבערשטן, און דעם אייבערשטנ'ס ליבשאפט, כביכול, צו אידישע קינדער.

**מיר זענען גליקליך, מיר זענען די גליקליכסטע! און דער אמת איז, אז דאס אליין דארף אונז שוין משמח זיין; מיר דארפן שוין גארנישט מער. מיר זאלן נאר האבן דאס וואס עס שטייט אין פרשת עקב, און נאר איבערחזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל דעם חומש רש"י אין די וואכעדיגע פרשה, זענען מיר שוין די גליקליכסטע אויף דער גאנצער וועלט**.

**דינען דעם באשעפער מיט שמחה -חתם סופר**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט די ווערטער! די מורא'דיגע ווערטער: דער הייליגער חתם סופר זאגט אין פרשת ראה, אז דער עיקר עונש ווען א מענטש ווערט משועבד צו דינען עבודה זרה, קומט צוליב דעם וואס ער דינט נישט דעם אייבערשטן בשמחה ובטוב לבב. ער דינט נישט דעם אייבערשטן מיט קיין שמחה. אפילו ווען ער דינט יא דעם אייבערשטן, מאכט ער שפירן די תורה ווי עס איז עפעס אן אלטע, פאראלטערטע זאך; עס האט נישט קיין חיות, עס האט נישט קיין געשמאק, און עס האט נישט קיין שמחה. ער דינט נישט דעם אייבערשטן יעדע מינוט און יעדע רגע כאילו ער האט יעצט מקבל געווען די מצוות הבורא אויפ'ן בארג סיני. דורך דעם ווערט ער משועבד צו דינען עבודה זרה, און דאס איז ממש אזוי ווי א מענטש דינט אליין עבודה זרה.

**איר הערט וואס דער הייליגער חתם סופר זאגט? א מענטש קען דינען עבודה זרה, און ער ווייסט אפילו נישט אז ער דינט עבודה זרה. דו ווייסט ווען? ווען ער דינט דעם אייבערשטן נאכגעלאזט מיט עצבות, מיט עצלות, אן קיין לעבעדיגקייט, מיט א טויטקייט און מיט אן אראפגעלאזטקייט.** ער שטייט אויף אינדערפרי און ער זאגט "מודה אני" אזוי אראפגעלאזט; ער זאגט די ברכות השחר און די ברכות התורה אזוי אראפגעלאזט; ער לייגט תפילין און טלית, און אלע מצוות וואס ער טוט זענען אזוי נאכגעלאזט, אן א חיות, אן א ברען, און אן א געשמאק. זאגט דער הייליגער חתם סופר: ער דינט עבודה זרה! ער דינט טאקע דעם אייבערשטן, אבער ער דינט עבודה זרה. פארוואס דינט ער עבודה זרה? ווייל די גאנצע פראבלעם פון דינען עבודה זרה איז, אז עס פעלט די שמחת החיים פון דינען דעם אייבערשטן.

קוק נאך אין חתם סופר, מורא'דיגע ווערטער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר מאכן א קבלה טובה "נאר בשמחה" בעזרת השם ובסיעתא דשמיא. עס האבן זיך דאך שוין אנגעהויבן די הייליגע טעג, די ימים הנוראים, די ימים הקדושים, די ימים המאירים, די לעכטיגע טעג. דאס זענען די טעג וואו עס קומט ארויס די אהבה וואס אידישע קינדער האבן צום אייבערשטן. יעדער טוט תשובה, יעדער מאכט קבלות טובות, יעדער קערט זיך אום צום אייבערשטן און ווערט נענטער צו אים; מען רעדט צום אייבערשטן, מען בעט פונעם אייבערשטן, און מען בעט זיך איבער מיט'ן אייבערשטן כביכול.

זאגט דער הייליגער חתם סופר: דו ווילסט דינען עבודה זרה חלילה, אדער דו ווילסט דינען דעם אייבערשטן? דעם אייבערשטן קען מען נאר דינען בשמחה. בשמחה מיינט, כאילו דו שטייסט יעצט ביים בארג סיני און דו ביסט מקבל די תורה; דו ביסט יעצט אוועקגעגאנגען פון בארג סיני און דו גייסט לייגן תפילין, אדער דו גרייטסט אן שבת קודש. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס זענען מורא'דיגע ווערטער.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת עקב טז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**תשובה קומט פון שמחה און נישט פון קיין מרה שחורה**

דער הייליגער רבי פנחס'ל קאריצער שרייבט אזוי: א מענטש איז אמאל בעצבות און ער טראכט אז ער טוט גאר א גוטע זאך מיט דעם וואס ער זארגט זיך איבער זיינע עבירות און זינד. ער האט געזינדיגט בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, ער האט זיך נישט אויפגעפירט ערליך, ער האט חובות, אדער ער האט זיך פארטשעפעט מיט מענטשן. ווען א מענטש הייבט אן איבערצוטראכטן זיינע עבירות, ווערט ער אוודאי בעצבות. און נאך מער, דער יצר הרע לייגט נאך צו דערצו אייגענע "מטעמים": ער מאכט דעם מענטשן זארגן אויפ'ן כבוד פונעם אייבערשטן אדער אויפ'ן כבוד פון זיינע עלטערן, טראכטנדיג אז עס פאסט נישט פאר אן ערליכן איד צו שטיין אין אזא מצב ווי ער געפינט זיך.

זאגט אבער דער הייליגער רבי פנחס'ל קאריצער: די ווערטער און די מחשבה זענען שקר! זארגן אויף די זינד איז דאך א חלק פון תשובה, און תשובה קומט פונעם עולם הבינה. בינה איז אזוי הויך, אז אין אזא הויכע וועלט איז נישטא קיין שום עצבות, דארט איז נאר דא שמחה. ממילא קומט אויס, אז אויב דו ווערסט בעצבות, ביסטו בכלל נישט אין די מדרגה פון תשובה.

אוודאי דארף מען זיך מכניע זיין, מען דארף זארגן א ביסל וואס וועט זיין מיט די חטאים און מען טוט תשובה. אבער טאמער דו האסט א שברון לב, דאס טייטש אז דו גייסט אריין אין עצבות, דעמאלט זארגסטו פאר זיך און נישט פארן אייבערשטן. דאס ווערט באטראכט ווי אן עובד עבודה זרה, ווייל ער ארבעט פאר זיך, פאר זיין מגושם'דיגן, גופניות'דיגן און חומריות'דיגן גוף; דאס איז נישט קיין עבודת השם. אויב דו דינסט דעם אייבערשטן, איז נישטא אזא זאך ווי עצבות אדער מרה שחורה אויף גארנישט אין די וועלט.

דער הייליגער קאזמירער האט געזאגט: עס שטייט "עבדו את ה' בשמחה" – עס שטייט נישט "עבדו ה' בשמחה", נאר "את ה'". דאס מיינט "עבדו", **אז דו זאלסט דינען, "את" – פון א' ביז ת' – "בשמחה". מען דארף דינען דעם אייבערשטן בשמחה פון א' ביז ת', פון אינדערפרי ביז ביינאכט און פון ביינאכט ביז אינדערפרי, פון קאפ ביז פוס און פון די פוס ביזן קאפ; הכל בכל מכל**. עס עקזיסטירט נישט קיין זאך אויף דער וועלט וואס זאל פאסירן צו א מענטש, וואס זאל אים געבן א רעכט נישט צו זיין בשמחה.

**זינגען און דאנקען אפילו אינמיטן די גרעסטע יסורים**

דער "דברי ישראל" איז געווען אין א שפיטאל אין בערלין אין יאר תרפ"ג. ער איז דארט געווען ביי א דאקטאר וואס האט געהייסן דאקטאר יזראעל. ער האט געדארפט דורכגיין אן אפעראציע אויפ'ן צווייטן פוס, און דעמאלטס האט ער מחבר געווען דעם ניגון "אזכרה". דער דאקטאר האט אים דערציילט אז ער קומט יעצט פון געבן א גרויסע מוסר שמועס פאר א שר וואס ליגט אין דעם צווייטן צימער, און ער קרעכצט, שרייט און פארפירט איבער זיינע יסורים. האט ער אים געזאגט: "דא זיצט א רבינער אין שפיטאל וואס האט פיל גרעסערע יסורים, און ער זינגט! ער מאכט גאר ניגונים!"

דער "דברי ישראל" האט זיך אנגערופן מיט זיין קדושה און טהרה, אז **פאר א מענטש גיט ארויס א קרעכץ, דארף ער קודם זינגען פארן אייבערשטן. ווייל א קרעכץ קרעכצט מען פאר זיך אליין, און א מענטש טאר גארנישט טון פאר זיך בעפאר ער גיט פארן אייבערשטן. דעריבער דארף ער קודם זינגען צום אייבערשטן און געבן שבח והודאה, און נאכדעם וועט זיך שוין מער נישט קרעכצן.** אבער פאר א מענטש קרעכצט, דארף ער טראכטן: "**וואס טוט זיך דא? איך נעם עפעס פאר מיר פאר איך גיב פארן אייבערשטן?**" ער זאגט אז דאס שטייט אין פסוק "וְחַיָּיו לֹא יְמִיתוּ" – א מענטש דארף לעבן מיט א חיות און נישט אין קיין עצבות, עצלות אדער מרה שחורה.

דער מאדזשיצער רבי, דער "אמרי שאול", האבן מיר שוין אויך דערמאנט אז ער האט געזאגט אז ער האלט דאס אין א רענצל. מען דערציילט אז עס איז געווען ביי די צווייטע וועלט מלחמה ווען מען האט באמבארדירט אטוואצק. מען האט צוזאמגענומען דארט אלע אידן, און ער איז אנטלאפן מיט זיין גאנצע משפחה. זעקס וואכן לאנג איז ער געווען באהאלטן אונטער באמבעס אין די וועלדער אונטער א סכנת נפשות. ווען עס איז געקומען ראש השנה און יום כיפור, איז ער געווען באהאלטן ביי א גוי און ער האט זיך געשטעלט דאווענען. ער האט געהאט א הויכע פיבער און א "רויז" (אינפעקציע) אויפן פוס, אבער ער האט זיך געשטעלט דאווענען מיט א געוואלדיגע התלהבות און שמחה. ער האט מחבר געווען ניגונים און געזונגען לאנגע ניגונים, און ער האט געזאגט: "וְחַיָּיו לֹא יְמִיתוּ" – א איד לעבט, א איד שטארבט נישט, **א איד לעשט זיך נישט אויס, און א איד ברעכט נישט אונטער**.

**א איד פאלט נישט אונטער, א איד לעבט אין שמחה און פרייליכקייט. וואס פרייסטו זיך? איך בין א איד! איך האב ליב דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט מיך ליב. איך האב א תורה וואס איך היט, און איך טו דערמיט דעם רצון השם. מער פון דעם דארף א מענטש שוין גארנישט.** הערט איר, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער?

דער רבי פון לובלין האט געזאגט, אז א ניגון וואס א איד זינגט זיך אונטער קען אויפהייבן א איד צו די העכסטע מדרגות, ביז דער גרעסטער מדרגה פון ״וְחַיָּיו לֹא יְמִיתוּ״.

## די חשיבות פון טון א קליינע מצוה מיט׳ן גאנצן הארץ

מ׳פארציילט אויף רבי יחזקאל אבראמסקי זצ״ל, ווען ער איז שוין אלט געווען איבער די ניינציג יאר און ער איז געווען זייער שוואך; זיינע הענט האבן שוין געציטערט, און ער האט כמעט גארנישט געקענט טון אליין אן הילף. אבער ברוך ה׳, דער קאפ האט אים נאך פיין געארבעט; זיין הארץ, זיין תורה, זיין עבודה, זיין יראת שמים, זיין אהבת ישראל און זיין התלהבות – אלעס איז נאך אנגעגאנגען מיט׳ן פולן קראפט, כאטש וואס דער גוף איז געווען זייער אפגעשוואכט.

איין מאל האט ער גערופן א בחור און אים געפרעגט צי ער קען אים טון א טובה און גיין קויפן א סטעמפ פאר א קאנווערט, ווייל ער וויל ארויסשיקן א בריוו פאר איינעם. דער בחור האט זיך מחיה געווען צו טון אזא מצוה און א חסד פאר ר׳ יחזקאל אבראמסקי; ער איז געלאפן און אים געברענגט דעם סטעמפ. ר׳ יחזקאל האט גענומען דעם סטעמפ און עס אליין ארויפגעלייגט אויפ׳ן קאנווערט. עס איז אים אנגעקומען זייער שווער, זיינע הענט האבן געטאנצן און געציטערט, און זיין גוף איז געווען שטארק אפגעשוואכט.

ווען ער האט געענדיגט עס ארויפצולייגן, האט ער געבעטן דעם בחור א טובה צי ער קען עס גיין אריינווארפן אין די פאסט ארויסצושיקן דעם בריוו.

האט אים דער בחור געפרעגט: ״ילמדנו רבינו, אויב איר האט ממילא געוואלט איך זאל גיין ארויסשיקן דעם בריוו, האט איר מיר דאך געקענט בעטן איך זאל אויך ארויפליגן דעם סטעמפ. פארוואס האט איר עס אליין ארויפגעלייגט, רבי?״ האט אים ר׳ יחזקאל אבראמסקי געענטפערט: ״דו זעסט נישט? איך בין שוין אזוי אלט, איך גיי כמעט נישט ארויס פון שטוב, ס׳קומט אים נישט אויס צו טון חסד מיט׳ן גוף. דער אייבערשטער האט אים ממש יעצט געגעבן א מתנה, אז ער האט אליינס געקענט ארויפלייגן דעם סטעמפ; זאל איך אוועקגעבן דעם חסד פאר א צווייטן?

הייליגע ליכטיגע אידישע קינדער, איר זעט אן אלטן איד וואס האט זיך משמח געווען מיט יעדע מצוה וואס ער האט יא געקענט טון. ער האט נישט געזוכט זיך ארויסצודרייען, און ער איז נישט געווען צובראכן איבער דעם וואס ער קען נישט טון. זיין גאנצע הארעוואניע איז געווען זיך משמח צו זיין מיט׳ן רצון השם וויאזוי עס איז, אשרי העם שככה לו.

## מעשה גערעטוועט פון מערדערס דורך אמונה

איך וועל דערציילן א הפלא׳דיגע מעשה. ס׳איז געווען א איד אין ירושלים, ר׳ לייבל כהן, וועלכער איז אין יאר תש״ח געווען געפאנגען ביי די אראבער אינאיינעם מיט נאך עטליכע אידן. דעמאלטס איז נאך געווען די בריטישע הערשאפט אין לאנד, און ער איז געווען פארכאפט ביי די אראבער, וועלכע האבן אים געהייסן ליגן אויף דער ערד.

ליגנדיג אזוי אויף דער ערד, האט ער געהערט ווי איינער רעדט צום צווייטן אז מען דארף אויסשארפן די מעסערס כדי אויסצושעכטן אלע אידן דא, רחמנא ליצלן, חס ושלום, חס ושלום; ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום. ער האט אנגעהויבן זאגן וידוי און ליינען קריאת שמע, זיך גרייטנדיג אויף די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

אבער אינמיטן האט ער זיך דערמאנט אז ער האט געהערט פון רבי נטע צעהנווירטה פילע מאל איבערחזר׳ן די ווערטער וואס דוד המלך זאגט: ״**שכן ארץ ורעה אמונה״. אפילו ווען מען ליגט שוין אויף דער ערד — ״שכן ארץ״ — אפילו דעמאלטס זאל מען זיך פאשען מיט אמונה — ״ורעה אמונה״.** ער האט ביי זיך געטראכט אז דאס איז פונקטליך וואס דוד המלך און רבי נטע האבן געמיינט. ער האט זיך אנגעהויבן מחזק זיין מיט אן אמונה פשוטה, אז כאטש בדרך הטבע זעט ער נישט קיין שום אויסוועג, **איז אבער דער אייבערשטער א כל-יכול העכער פונעם טבע, און ער גלויבט מיט א גאנצן הארץ אז ער וועט גערעטעוועט ווערן. ער איז געווארן פול מיט שמחה, אמונה, און א געוואלדיגע רואיגקייט.** עס איז טאקע א שווערע עבודה אין אזא צייט, אבער ער האט דערויף געהארעוועט און עס באוויזן.

אזוי ווי ער ענדיגט טראכטן די אלע מחשבות, און ער לעבט אזוי געוואלדיג רואיג דארט ליגנדיג אויף דער ערד, האבן די בריטישע, די ענגלישע סאלדאטן, אריינגעבראכן און געפרעגט: ״איז דא נאך אידן אדער נישט?״ די אראבער האבן געענטפערט אז ניין, ס׳איז מער נישטא קיין אידן. ער איז אבער געווען אין א צימער און האט זיך גענומען אזוי שטארק שרייען, ביז די ענגלישע סאלדאטן האבן אים געהערט און זענען אים געקומען ארויסראטעווען.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת עקב טז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? **א איד געפינט זיך קיינמאל נישט אין אן ערגערן מצב ווי א איד וואס ליגט אויף דער ערד ביי אן אראבער וואס שארפט א מעסער און וויל אים חלילה שעכטן. קיינער געפינט זיך נישט אין אן ערגערן מצב פון דעם. און אז ער האט זיך דעמאלטס אזוי מחזק געווען, איז דאך כל שכן וכל שכן בן בנו של קל וחומר ביי אונז — דער אייבערשטער זאל אפהיטן אז קיינער זאל נישט צוקומען צו אזא מצב. אונז זענען מיר קיינמאל נישט אין דער ערד; מיר זענען שטענדיג אויף, אפילו ווען עס קוקט אויס ווי "שכן ארץ". אבער וואס הייבט אונז אויף? "ורעה אמונה", דאס וואס מיר פאשען זיך מיט אמונה. דאס איז אונזער חיזוק, דאס איז אונזער שטארקייט, דאס גיט אונז כח, דאס מאכט אונז פריילך, און דאס איז אונזער גאנצע גליקליכקייט.**

## יעדע זאך וואס פאסירט איז דער רצון השם

אז מ'רעדט שוין פון רבי נטע צעהנווירטה, ער האט אמאל געזאגט: "**אלעס אין דער וועלט קען מען מאכן מיט שמחה, און גארנישט קען מען נישט טון מיט עצבות.** אויב אזוי, האב איך מחליט געווען אז איך וועל שטענדיג זיין בשמחה. איך האב אפילו אפגעהאלטן אן 'אסיפה', און ביי די אסיפה האט דער עולם מחליט געווען און בורר געווען אז מ'גייט זיין בשמחה, ווייל אזוי איז מען מער מצליח. מיר ווילן דאך אלע זיין מצליחים און אלעס קענען טון; מיר ווילן נישט דורכפאלן און גארנישט קענען אויפטון." מורא'דיגע ווערטער.

ר' בערל טשאטשיק האט דערציילט, אז ער איז אמאל געשטאנען ביי די שטיבלעך אין זכרון משה אין א ווינטערדיגן טאג, און דער עולם האט זיך נאכנישט גערישט אויף קיין רעגן. ווען מען האט אנגעהויבן ארויסצוגיין פון דאווענען, האט מען געזען אז עס האט זיך אראפגעלאזט א שטארקער רעגן-שטורעם. נו, מענטשן זענען געשטאנען און געווארט אז דער רעגן זאל נאכלאזן; קיינער האט נישט געהאט קיין רעגן-קליידער און קיינער איז נישט געווען צוגעגרייט אויף אזא שטארקן שטורעם. מען איז געשטאנען און געווארט, און צוביסלעך איז דער עולם געווארן אומגעדולדיג. די סבלנות האט אנגעהויבן נאכצולאזן, און די מענטשן זענען געווארן אנגעצויגן, נערוועז און אומרואיג, ביז מען איז אריינגעפאלן אין א סארט עצבות. יעדער האט אנגעהויבן טראכטן אז ער וואלט שוין געדארפט זיין דארט אדער קומען אהער; ער דערלייגט צייט, ער גייט נישט אנקומען פינקטליך, און וואס וועט זיין? מען דארף געדענקען אז דעמאלטס זענען נאכנישט געווען קיין פשוט'ע טעלעפאנען, און זיכער נישט קיין סעליולער טעלעפאנען. ממילא, אזוי ווי יעדער איינער האט געדארפט ערגעץ אנקומען און מען האט אויף אים געווארט צו ערלעדיגן זאכן, איז געווארן א גרויסע אנגעצויגנקייט.

ר' נטע צעהנווירט איז דארט געשטאנען. ער איז געווען אן איש חכם, א מיושב'דיגער מענטש, אן איש שמחה, אן עובד השם און א צדיק. רופט זיך ר' נטע אן: "רבותי, **דער רעגן וואס רעגנט יעצט שטימט סיי לויט'ן רמב"ם און סיי לויט'ן ראב"ד. לויטביידע שיטות**, סיי שיטת הרמב"ם און סיי שיטת הראב"ד, שטימט דער רעגן." דער עולם קוקט אים אן פארוואונדערט: "ר' נטע, וועלכער רמב"ם און וועלכער ראב"ד?" האט ער געענטפערט: "ס'איז ידוע די מחלוקת צווישן רבי יהודה און רבי שמעון אין הלכות שבת לגבי א מלאכה שאינה צריכה לגופה. רבי יהודה האלט אז ביי א מלאכה שאינה צריכה לגופה איז מען חייב חטאת, און רבי שמעון האלט אז מ'איז פטור. דער רמב"ם און דער ראב"ד קריגן זיך וויאזוי מ'פסק'נט: דער רמב"ם פסק'נט ווי רבי יהודה אז מלאכה שאינה צריכה לגופה איז חייב, און דער ראב"ד זאגט ניין, מ'פסק'נט ווי רבי שמעון אז מ'איז פטור. לאמיר אריינטראכטן," זאגט ר' נטע, "פארוואס האט דער רמב"ם געפסק'נט ווי רבי יהודה? דער תירוץ איז, ווייל דער רמב"ם האט פארשטאנען אז דאס איז דער רצון השם און דאס איז די דעת תורה, אז ביי די הלכה דארף מען פסק'נען ווי רבי יהודה. און פארוואס האט דער ראב"ד געפסק'נט ווי רבי שמעון? ווייל דער ראב"ד האט געהאלטן אז ניין, דער רצון השם און די דעת תורה איז אז מ'דארף דא פסק'נען ווי רבי שמעון. יעדער איינער האט אפגעטייטשט וואס דער רצון השם איז – דער רמב"ם ווי רבי יהודה און דער ראב"ד ווי רבי שמעון."

ער זאגט אזוי: **דער רעגן יעצט איז דאך אויך נאר ווייל אזוי וויל דער אייבערשטער. דער באשעפער וויל אז יעצט זאל רעגענען, און ער וויל אז יעדער איינער זאל יעצט שטיין דא אין בית המדרש מיט געדולד און רואיגקייט און אפווארטן דעם רצון השם. קומט דאך אויס אז סיי די שיטה פונעם רמב"ם און סיי די שיטה פונעם ראב"ד זענען ביידע מסכים, און ביידע האלטן אז מען דארף פסק'ענען לויט'ן רצון השם. ממילא קומט אויס אז דער רעגן שטימט סיי מיט'ן רמב"ם און סיי מיט'ן ראב"ד.**

דער עולם האט זיך צושמייכלט, אבער דער מוסר השכל וואס דאס ברענגט ארויס איז געוואלדיג. דאס איז אונזער חיות, "כי הם חיינו ואורך ימינו". מיר זענען דא פאר'ן אייבערשטן, מיר זענען געטרייע סאלדאטן פאר'ן באשעפער, מיר לעבן מיט'ן אייבערשטן, און וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז איז גוט. איך ווייס נישט וואס עס איז גוט פאר מיר, איך וויל נישט עס זאל מיר גוט זיין, איך וויל עס זאל גוט זיין פאר'ן אייבערשטן און פאר די תורה. איך גלייב אז דאס וואס דער אייבערשטער טוט יעצט איז דאס בעסטע, און ממילא בין איך שטענדיג בשמחה. דער אייבערשטער מאכט אונז נאר פריילך!

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת עקב טז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**א קבלה טובה: ארויסשרייען שמחה מיט'ן גאנצן וועזן**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, בשמחה רבה ואמרו כולם! לאמיר אלע אויסשרייען און זיך חזר'ן במחשבה, בדיבור ובמעשה: **"איך בין א פרייליכער איד, איך וועל שטענדיג זיין פרייליך, און איך וועל זיך אנהאלטן מיט שמחה!" ווייל איך וויל זיין אן איש מצליח, אן איש חכם ונבון, און אן איש מיושב, וואס דאס קומט נאר דורך שמחה**. שמחה הייבט אויף דעם מענטש. שטעל דיר פאר, דו קומסט אריין אין בית המדרש און דו זעסט א מענטש זיצן, ער וויינט, ער רעדט זיך אפ און ער קלאגט זיך; ער פארלירט זיין גאנצע חשיבות און זיין גאנצע חשוב'קייט. מיר זענען דאך בני מלכים, מיר האבן א חשיבות! אונזער חשיבות באשטייט פון שמייכלען, פנים מאירות, און אשב"ש - אמונה, שלום, בטחון, שמחה - "אני שמח בחלקי". הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר ארבעטן אויף זיך אז מיין צורת הפנים, מיינע דיבורים און מיינע מעשים זאלן שרייען שמחה, זיי זאלן ארויסשרייען שמחה."אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' ויאמרו לאמר" - נאר זינגען פאר'ן אייבערשטן, שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן;

פועל'ט אויס כל מיני ישועות מתוך שמחה. און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

# <u>הלכות כיבוד אב ואם</u>

**דער פחד פון לערנען הלכות: פארוואס האט מען מורא זיך מחייב צו זיין?**

מיר געבן איבער שיעורים פון צען מינוט אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם עטליכע מאל א וואך בסיעתא דשמיא. עס האט איינער געפרעגט א שאלה, ער טענה'ט אז עס איז אים שווער און ער האט מורא צו הערן די שיעורים, ווייל ער ווייסט נישט וואס דאס גייט אים מחייב זיין; ער ציטערט פשוט דערפון. עס זענען דא מענטשן וואס ארבעטן ביי דעם טאטן און מאמע אין געשעפט, אדער מענטשן וואס באדינען די עלטערן און זיי האבן אנגעשטרענגטע צייטן און א שווער הארץ. עס זענען פאראן אלע מיני אופנים פון קשרים וואס קינדער האבן מיט די עלטערן, און זיי האבן א פחד: "קען איך הערן די שיעורים? עס איז דאך יעצט אזוי שווער, וועט מען מיר נאך מחייב זיין מער?"

די תשובה אויף דעם איז: **אלעס וואס מיר זאגן אין די שיעורים שטייט אין די תורה**. מיר זאגן נישט קיין אייגענע זאכן; וואס עס שטייט אין די תורה דארף מען טון, און דאס ווילן מיר טון. שטעל דיר פאר אז א מענטש זאל זאגן אז ער וויל נישט לערנען הלכות יום הכפורים, ווייל עס זענען דא אזוי פיל שוועריגקייטן אום יום כיפור. ער האט מורא צו לערנען, ער וויל נישט וויסן. חלילה וחלילה! יום כיפור איז דאך דאס הארבסטע, דער אייבערשטער זאל אפהיטן וואס מען קען אלץ עובר זיין אויב מען ווייסט נישט די הלכות.

די זעלבע זאך איז מיט הלכות שבת, הלכות ריבית, און אזוי ווייטער מיט די גאנצע תורה כולה. א מענטש זאל זאגן: "איך וויל נישט קענען חושן משפט, ווייל איך ציטער אז עס וועט לייגן א גרויסן דרוק אויף מיינע געשעפטן"? דער תירוץ איז: עס וועט אוודאי לייגן, אבער עס איז נישט קיין שאלה מען מוז לערנען די הלכות.

**א משל די שוועריגקייטן ביי מחותנים און חתונה מאכן**

איך וועל זאגן א משל. מיר האבן גע֗זאגט ביי איינע פון די שיעורים – איך געדענק נישט פונקטליך ווען, אפשר תשעה באב – ביי איינע פון די שיעורים האבן מיר גע֗זאגט א וויכטיגע נקודה. מען זעט אין די היינטיגע צייטן, עס קומען ארויף צו אונז זייער אפט מחותנים מיט טענות: **"מיין מחותן וויל מיר נישט געבן געלט אויף א געוויסע הוצאה," אדער "מיין מחותן וויל מאכן א געוויסע הוצאה און איך וויל נישט." עס ווערט א שווער הארץ צווישן זיי.**

אונז שטערט עס זייער שטארק; ערשטנס, ווייל מיר פילן אז עס טאר קיינמאל נישט זיין קיין שווער הארץ פון איין איד אויפן צווייטן. און נאך א זאך, לכאורה בדרך סגולה איז עס נישט קיין גוטע סגולה פארן יונגן פאר פאלק, אז מען האט חתונה געהאט מיט געלטער וואס זענען נישט אויסגעהאלטן; עס איז נישט קיין כשר געלט.

זייער אפט האט א מענטש כשר געלט, ער האט אייגן-געארבעטע געלט, מען דארף נישט שנארן פאר אים חתונה צו מאכן, אבער וויבאלד ער האט א סכסוך מיט זיין מחותן און זיין מחותן איז נישט צופרידן, איז די חתונה נישט געווען מיט כשר געלט. די מענטשן גייען נישט פרעגן א חושן משפט שאלה, זיי שמועסן דאס נישט דורך, און לערנען נישט אויס די סוגיא, ווייל ער האט מורא אז אפשר וועט מען אים טאקע מחייב זיין. **מען דארף וויסן אז מחותנות איז א חושן משפט שאלה, און אלעס שטייט אין די תורה**. אויב דער מחותן בעט געלט און ער איז בארעכטיגט, אבער דו געסט אים נישט, ביסטו עובר אויף די תורה; און אויב ער איז נישט בארעכטיגט, איז ער עובר אויף די תורה. אבער אונז דארפן מיר וויסן וואס די התחייבות איז על פי תורה.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת עקב טז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**למשל, דער מנהג איז אז דער אבי הכלה מיט די מאמע פון די כלה קויפן איין צוזאמען מיט די כלה די הויז-זאכן. עס שטייט נישט אין ערגעץ אז זיי דארפן פרעגן פונעם צד החתן אויף יעדע כלי און אויף יעדע זאך צי זיי מעגן עס איינקויפן אדער נישט. און ממילא, ווען דער אבי הכלה גיט א חשבון פארן אבי החתן, קען יענער נישט זאגן: "דאס האב איך נישט געוואלט קויפן," אדער "איך האב נישט געהייסן אז מען זאל עס קויפן." און טאמער ער צאלט עס נישט, בלייבט ער אים א בעל חוב לעולם ועד, בזה ובבא.**

די זעלבע זאך מאכט זיך זייער אפט ביי א חתונה ווען עס קומט צו באצאלן פאר די כלי זמר, דעם בדחן, אדער דעם זינגער. דער צד שכנגד זאגט: "עס איז צופיל געלט פאר מיר, איך צאל נאר די האלבע, איך האב עס בכלל נישט געדארפט," וכדומה. דאס זעלבע פאסירט ווען עס קומט צו די פראגע וויפיל פארציעס מען זאל באשטעלן. עס זענען דא הלכות אויף דעם אין חושן משפט. עס זענען דא מחותנים וואס שווייגן און באצאלן כדי נישט צו מאכן קיין מחלוקת, אבער אין הארץ האבן זיי א שווער געמיט און זיי זענען קיינמאל נישט מוחל.

**פקודי ה' ישרים משמחי לב: די תורה איז נישט קיין יאך, נאר א שמחה**

מען דארף וויסן אז מען קען נישט אנטלויפן פון די תורה. די תורה איז "פקודי ה' ישרים משמחי לב", עס איז פונקט פארקערט: **דאס וואס דו מוטשעסט זיך מיט דיין טאטע און מאמע און דאס וואס דו האסט שוועריגקייטן, איז נאר ווייל דו קענסט נישט די הלכות און ווייל דו האסט נישט געלערנט די הלכות. די תורה איז משמח און מחיה,** אבער דו דארפסט טון דאס וואס שטייט אין די תורה. א זאך וואס שטייט אין די תורה אז מען דארף טון, אפילו עס איז שווער, **גיבט דער אייבערשטער די כוחות און די מוחות אז עס זאל זיין גרינגער, מען זאל שפירן א שמחה און מען זאל זיין רואיג.** אבער אויב איך טו עס מיט מיינע אייגענע חשבונות און נישט לויט די תורה, דעמאלטס איז דאס גאנצע זאך שווער.

ס'איז דא א ווארט פונעם דובנער מגיד. דער דובנער מגיד זאגט אויפן פסוק "לא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל": ס'קען נישט זיין, זאגט דער אייבערשטער, אז דו האסט מיך גערופן און דו ביסט מקיים מיין תורה, אויב דו ווערסט אפגעמוטשעט. **די תורה מוטשעט נישט אפ; די תורה איז זיס, די תורה איז "נחמדה מזהב ומפז", די תורה איז די זיסטע זאך וואס ס'עקזיסטירט נאר אויף דער וועלט.**

ממילא, א איד דארף האבן אמונה פשוטה. איך וויל וויסן וואס די תורה פארלאנגט ביי כיבוד אב ואם, איך וויל וויסן וואס די הלכות אין חושן משפט זענען בנוגע מחותנים; איך וויל וויסן די הלכות און איך וויל זיי גוט ארויסהאבן. און ווען איך קען די הלכות און איך האב זיי קלאר ארויס, וואס פאסירט דעמאלט? דעמאלט בין איך מקיים די תורה, און די תורה גיט מיר די כוחות און די מוחות, די תורה גיט מיר חיזוק, און די תורה העלפט מיר אז איך זאל באקומען אלע צוגעהערן וואס איך דארף כדי צו קענען מקיים זיין די תורה מיט הצלחה, ברכה און סייעתא דשמיא.

---

***א מודעה פון הרה"ח רבי משה וואלף קאהן נ"י***

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם ,וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן ,און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער .***
***האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212 ,עקסטענשאן 1.***

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבת קודש פרשת ואתחנן י מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, פרייטאג ערב שבת קודש, פרשת ואתחנן, עשירי לחודש מנחם אב תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן ערב שבת קודש; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן שבת קודש; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

**פון ימי האבילות צו די זיבן וואכן פון נחמה און די ימים נוראים**

הייליגע ליכטיגע אידישע קינדער, די ימי האבילות האבן זיך שוין געענדיגט. דער הייליגער חתם סופר זאגט אז עס הייבט זיך אן א נייער חודש, מנחם אב. יעצט דארף מען זיך שוין גרייטן אויף די גאולה און זיך צוגרייטן צו די הייליגע טעג. עס קומט שוין סליחות, עס קומט שוין ראש השנה, עס קומט יום הכיפורים, סוכות, הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה. ״אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה׳ הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ״.

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט ״אתה הראת לדעת״, קבלת התורה. מיר זענען בשמחה, מיר זענען אין א דערהויבנקייט, אין א לויטערקייט, אין א ווארימקייט און נאנטקייט צום אייבערשטן. יעצט שטארקט מען זיך אין די גאולה, סיי אין די גאולה הכללית מיט ביאת משיח צדקינו, און סיי אין די גאולה הפרטית פון יעדן איד פאר זיך.

מיר ווערן אלע אויסגעלייזט פון אונזער גאנצן דרוק און פרעשור, פון אלע אונזערע עצבות און מרה שחורה, און פון אלע יסורים, מניעות און עיכובים. מיר לעבן מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, מיט א פנים מאירות, און מיר זינגען מזמור לתודה; מיר לעבן אין א דאנק און לויב צום אייבערשטן, און מיר זענען זוכה צו זען רחמים וחסדים גלויים.

דאס איז די עבודה נאך תשעה באב, ווען עס קומען די זיבן וואכן - די ז׳ דנחמתא - די זיבן וואכן פון נחמה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, טראכט אריין: מיר האלטן שוין אזוי נאנט צו ראש השנה, לאמיר זיך אלע גרייטן מתוך חיזוק. זיך מחזק זיין און יעדן ארום זיך מחזק זיין. אוועקלייגן אלע רגזות אויף אנדערע אידן, יעדן מוחל זיין, מוותר זיין, און סובל זיין. יעדן אויפהייבן און זיך אוועקגעבן איינער פארן צווייטן, זיך אוועקגעבן פארן אייבערשטן און פאר די תורה, און זיך מוסר נפש זיין דאס מקיים צו זיין.

**די מורא׳דיגע ישועות און סגולות דורך די מצוה פון כיבוד אב ואם**

די גרויסע מצוה וואס איז חמורה שבחמורה איז כיבוד אב ואם. מיר געבן שיעורים פון צען מינוט איבער כיבוד אב ואם עטליכע מאל א וואך. מיר הערן צוריק פון אזויפיל אידן וואס הערן די שיעורים, וויאזוי זיי ווערן אויפגעקלערט און ווערן געוואויר זאכן וואס זיי האבן נישט געוואוסט; זיי באקומען נייע הרגשים, געפילן, כוחות און קוראזש ליבשאפט. צו קענען מקיים זיין די מצוה, זיי ווערן זייער נאנט מיט זייערע עלטערן.

עס האט אונז דערציילט א יונגערמאן ערב תשעה באב, אז נאך פון פאר די בר מצוה איז ער געווען זייער נישט גוט מיט זיינע עלטערן. ער האט אלץ געהאלטן אז די עלטערן זענען עקסטרעמיסטן, זייער שטארק און אייגנארטיג מיט זייערע מיינונגען, ער האט זיך נישט געקענט דורכקומען מיט זיי און ער פלעגט זיך אסאך קריגן מיט זיי. זיי האבן זיך פאר יארן לאנג נישט פארשטאנען.

דער איד האט שוין היינט גרויסע קינדער און גייט שוין באלד חתונה מאכן קינדער. ער הערט די שיעורים אויף כיבוד אב ואם און ער האט זיך אריינגעלייגט דערין; און נישט נאר וואס ער זעט גרויסע ישועות און גרויסע שינויים אין זיין לעבן דורך דעם וואס ער איז מקיים כיבוד אב ואם, **נאר ער האט אנגעהויבן אנדערש צו קוקן אויף זיין טאטע און מאמע און אנדערש קוקן אויף די גאנצע מצוה פון כיבוד אב ואם. ער טוט עס מיט אלע הידורים, און ער זעט וואס פאר א זיסע טאטע און מאמע ער האט, און וואס פאר א זיס לעבן דאס איז צו לעבן מיט כבוד, מורא און אחדות מיט די עלטערן**.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! האקט נישט אפ מיט אייערע קינדער, און האקט נישט אפ מיט אייערע עלטערן. אלע סגולות, אלע רפואות, אלע ישועות, אריכות ימים, דביקות הבורא, רוחניות און גשמיות – אלעס ווענדט זיך אין די מצוה פון כיבוד אב ואם. הערט די שיעורים און צושפרייט די שיעורים אויף כיבוד אב ואם; עס זענען דא דערין גרויסע זכותים, גרויסע ישועות און גרויסע סגולות. דער הייליגער באשעפער זאל אונז אלע פירן אויף די ריכטיגע וועגן און אונז שוין אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות גלות.

## די מעשה פונעם רוז'ינער חסיד מיט די באנדע רויבערס

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין א שטעטל נאנט צו די שטאט זיטאמיר אין אוקריינע. ער איז געווען זייער נאנט צום הייליגן רוז'ינער, א גרויסער חסיד זיינער. ער פלעגט קומען צוויי מאל א יאר צום רוז'ינער, אויף שבועות און חנוכה.

איין יאר חנוכה, ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג צום הייליגן רוז'ינער, האט זיך אינמיטן וועג אראפגעלאזט א גרויסע זאווערוכע מיט שווערע ווינטן און א שווערע שניי. עס איז נישט געווען בדרך הטבע מעגליך ווייטער צו פארן, איז ער אריינגעגאנגען אין א קרעטשמע אינמיטן וועג ביז די וועטער וועט זיך אויסקלארן און מען וועט קענען פארן ווייטער.

דער איד פלעגט זיך שוין אסאך מאל אפשטעלן אין די דאזיגע קרעטשמע; עס איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס ער איז דארט איינגעשטאנען. ווען ער איז אנגעקומען אין די קרעטשמע, האט ער אנגעהויבן רעדן פון די אותות ומופתים וואס מען זעט ביים הייליגן רוז'ינער, פון זיין קדושה וטהרה און זיין עבודת ה', און וואס ער אלץ איז מקבל פונעם הייליגן רוז'ינער, זיין גרויסקייט און זיין הייליגקייט. די משפחה פלעגט שטענדיג מיט דארשט אויסהערן יעדע ווארט וואס ער האט געזאגט; זיי האבן עס אויפגענומען מיט א הונגער און האבן שטארק הנאה געהאט צו הערן אלעס וואס ער האט פארציילט איבער דעם גרויסן צדיק.

מען האט זיך געלייגט שלאפן ביינאכט, און פלוצלינג הערט מען קלאפן, שטארקע קלאפעס. קודם האט דער בעל הבית געמיינט אז דאס איז סתם א דארפס-גוי וואס וויל טרינקען וויין אדער בראנפן אינמיטן די נאכט, האט ער אים נישט געהאלטן ביים עפענען די טיר. אבער זיי האבן אנגעהויבן זען אז די קלאפעס ווערן שטערקער און שטערקער. און נישט נאר דאס, נאר די טיר האט זיך אויפגעבראכן און עס איז אריינגעקומען א באנדע רויבער, גנבים און רוצחים. זיי האבן צוזאמגעבינדן די בני בית דארט אין שטוב, יעדעם פארבונדן די הענט און פיס, און זיי האבן אנגעהויבן נעמען וויין און בראנפן אן רשות און אן באצאלן. זיי האבן אנגעווארנט די בני בית אז קיינער זאל זיך נישט אויפשטעלן און זיך נישט דערוואגן צו הייבן דאס קול.

דער רוזשינער חסיד איז געווען דארט אין זיין צימער, ער האט געהערט וואס דארט טוט זיך און האט גראד געכאפט דעם מצב. ער האט פארשטאנען אז זיי גייען ארומגיין אין די אנדערע צימערן אויך און אויפזוכן ווער עס געפינט זיך אלס דארט. ער האט איינגעזען אז זיינע מינוטן אין לעבן זענען געציילטע, האט ער זיך גענומען וויינען, תשובה טון און זאגן שמע ישראל. דערנאך האט ער ארויסגענומען א זוהר הקדוש און אנגעהויבן לערנען. אבער ווי נאר ער האט אנגעהויבן לערנען דעם זוהר, האט ער זיך אריינגעטון דערין מיט אזא עמקות אז ער האט פארגעסן וואו ער געפינט זיך, און ער האט אנגעהויבן לערנען אויף א הויכן קול.

פלוצלינג האבן די רציחה'דיגע גזלנים געהערט ווי איינער זאגט עפעס הויך. זיי זענען ארומגעגאנגען זוכן, ביז דער הויפט פון די אלע רויבערס איז אריינגעקומען דארטן, און ער זעט ווי א איד זיצט מיט בכיות נוראות און מיט א גרויסע התלהבות און לערנט זוהר. ווי נאר דער הויפט רויבער האט געזען ווער דאס איז, האט ער א ציטער געטאן. ער האט גלייך אוועקגעשיקט די אנדערע רויבערס, זאגנדיג אז ער וויל אליין מיט אים זיך אפרעכטן און קיינער זאל יעצט נישט דא זיין. ער קוקט אים אן און פרעגט: "משה יהודה, דו ביסט דאס?" ענטפערט ער אים: "יא." ער האט אים דערציילט ווער ער איז, אז ער הייסט בנימין, און זיי האבן אנגעהויבן רעדן פון די גוטע צייטן ווען זיי האבן נאך געלערנט צוזאמען אין חדר.

אינמיטן שמועסן מיט משה יהודה, איז ער ארויסגעגאנגען זאגן פאר די רויבערס אז זיי זאלן אויפבינדן די גאנצע בני הבית און מען זאל זיי נישט טשעפענען; ער האט געזען אז דאס זענען זיינע גוטע פריינט און ער האט נישט געוואלט מען זאל זיי ווי טאן. ער איז צוריק אריינגעגאנגען צו משה יהודה, און זיי האבן ווייטער אנגעהויבן שמועסן איבער אלעס וואס זיי זענען אדורך אין זייער לעבן.

### וויאזוי א בן-תורה איז נעבעך פארפאלן געווארן צווישן די גזלנים

דער הויפט רויבער האט דערציילט אזוי: ער איז עלטער געווארן און האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א גרויסן עושר, איינער פון די דארפס-אידן וואס איז געווען זייער פארמעגליך. ער איז געווען זייער באליבט, ער איז געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה, און זיין שווער האט אים אויסגעהאלטן.

איין טאג, בשעת ער האט געלערנט תורה, איז זיין ווייב אריינגעקומען און אים געזאגט: "איך וויל דיך איבערבעטן, איך וויל דיר נישט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבת קודש פרשת ואתחנן י מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

שטערן פון לערנען, אבער בנימין טייערער, דו ביסט דאך א גרויסער בעל כשרון. מיר לעבן יעצט אויף מיין טאטע'ס פארמעגן און מיר האבן נישט קיין שום אייגן געלט. איך זע דא אינדרויסן אין קרעטשמע זיצן גוים וואס דארפן זיך צוטיילן מיט א גרויסן סכום געלט, און זיי טענה'ן זיך ארום. איך ווייס אז דו האסט א גוטן קאפ און דו ביסט א קלוגער מענטש; גיי ארויס צו זיי, הער אויס זייער סכסוך און מאך א פשרה, כדי זיי זאלן דיר באצאלן 'פסק געלט'. אזוי וועלן מיר האבן אייגענע געלט, און דו וועסט קענען ווייטער לערנען אן קיין שטער."

ער איז ארויסגעגאנגען און טאקע געהערט דעם גרויסן סכסוך, און ער האט זיי פארגעשלאגן אז ער קען מאכן א פשרה. ער האט טאקע דורכגעפירט א פשרה, זיי האבן געהאט גרויס הנאה דערפון און אים באצאלט שכר טרחה, און ער איז דערנאך צוריקגעגאנגען זיצן און לערנען.

א שטיק צייט שפעטער זענען זיי נאכאמאל אנגעקומען, און די ווייב האט ווייטער געהערט ווי זיי קריגן זיך ארום איבער זייערע חשבונות. האט זי ווייטער געזאגט: "מיין טייערער בנימין, ס'איז אזוי גוט געווען ווען מיר האבן געהאט אייגן געלט. יעצט זענען זיי נאכאמאל דא; גיי ארויס, מאך א פשרה, נעם פסק-געלט, און אזוי וועלן מיר האבן אונזער אייגן געלט, און דו וועסט ווייטער קענען זיצן און לערנען." און אזוי איז טאקע געווען, ער איז ארויסגעגאנגען צו זיי.

אבער נאך דעם מאל האט ער געזאגט פאר זיין ווייב אז זיי האבן זיך שוין, ווי מען זאגט, געעפנט פאר אים, און עס איז אויסגעקומען אז זיי האנדלען נישט מיט קיין כשר געלט. עס זעט אויס ווי געגנב'עט געלט, עס זעט אויס ווי פארוועלה'ט געלט, עס זעט נישט אויס ווי ערליך געלט. ער וויל נישט האבן צו טון מיט דעם, ער איז זייער דערשראקן. האט אים די ווייב געזאגט: "דו האסט דאך נישט קיין שייכות מיט דעם, סך הכל הערסטו אויס זייער סכסוך און דו מאכסט א פשרה, וואס גייט דיר אן פון וואו זייער געלט קומט?"

למעשה זענען זיי נאכאמאל געקומען צו אים, און ער האט זיי אנגעהויבן אויספרעגן וויאזוי זיי האבן באקומען זייער געלט. זיי האבן אים פארציילט וויאזוי זיי בארעבעווען מענטשן און וויאזוי זיי לעבן, און אז זיי מאכן גרויס געלט דורך גניבה וגזילה און רציחה. דאס האט געהאט אויף אים א שטארקע השפעה און א שלעכטן איינדרוק, רחמנא ליצלן.

איין נאכט זענען זיי געשלאפן רואיגערהייט, ווען פלוצלינג האבן די רצחנים און גזלנים געקלאפט אויף די טיר אז מען זאל זיי שוין עפענען. איינער פון די גזלנים איז אריינגעקומען און זיך אנגערופן אז זיי האבן א גרויסע צרה. וואס איז געשען? נישט ווייט פון דארט געפינט זיך די גאנצע חברה, און זיי האבן געלאקערט אויף א געוויסן גרויסן פריץ, וויסנדיג אז ער קומט יעצט פון באנק מיט א גרויסע סכום געלט. זיי זענען אים באפאלן, אבער ער מיט זיין בעל עגלה זענען גאר שטארקע גיבורים; זיי שלאגן זיך צוריק מיט א רציחה, און עס זעט אויס ווי זיי גייען נאך מצליח זיין זיך ארויסצודרייען. אויב דער פריץ וועט זיך מתגבר זיין אויף די גזלנים און רצחנים, איז זייער לעבן פארטיג; ער וועט זיי מסר'ן, און דאס וועט זיין א גרויסע פראבלעם.

און ער האט צוגעלייגט צו זיי, אז בנימין מיט זיין ווייב וועלן אויך זיין אין צרות, ווייל וויבאלד ער פלעגט מאכן זייערע פשרות, גייען זיי אים אויך אריינשלעפן אינעם געשעפט אויב מען וועט זיי כאפן. דאס הייסט, אויב די פאליציי וועט זיי פארהערן, וועלן זיי אריינלייגן בנימין מיט זיין ווייב אין דעם זעלבן פעקל. נעבעך, דער יצר הרע זאגט אים: "וואס ווילסטו! קום אריבער און העלף אונז ארויס."

בנימין איז אריבערגעגאנגען און ער האט טאקע געזען ווי זיי ראנגלען זיך ארום, אבער דער פריץ מיט זיין בעל עגלה זענען געווען גרויסע בעלי כוחות. למעשה איז בנימין געגאנגען און ער האט אים אריינגעגעבן א האק, מיט א מעסער, אדער א שטיין - עפעס אין זיין מוח אריין - און דער גוי האט דארט אויסגעפייגערט, "כן יאבדו כל אויבך ה'". דערנאך איז ער צוריק אהיים געגאנגען.

אבער דער בנימין האט באקומען אזא השפעה פון די מעשים וואס ער האט יעצט געטון, און פון די רצחנים און גזלנים מיט וועמען ער האט אזויפיל געהאנדלט, ביז ער איז געווארן א חלק פון זיי און איז אויסגעוואקסן זייער אנפירער, רחמנא ליצלן. ער האט דערציילט פאר משה יהודה, אז יעצט ווען ער האט אים געזען האט אים ארומגעכאפט א פחד; ער האט זיך דערמאנט אין די גוטע צייטן ווען זיי פלעגן זיצן אינאיינעם אין חדר און לערנען. דאס פינטעלע איד האט זיך ביי אים אויפגעוועקט און ער וויל תשובה טון.

בנימין האט אים געזאגט אז ער איז א רוז'ינער חסיד, און ער וועט אים אריבערנעמען צום הייליגן רוז'ינער, וואו ער וועט ווערן א בעל תשובה, א חסיד, און אן ערליכער איד, וכך הוה.

ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז אין זכות וואס דער באשעפער האט אנגעשיקט דעם גרויסן זאווארוכע, דעם מעכטיגן שניי, איז ער געבליבן דארט אין די קרעטשמע. ער האט גערעדט פון צדיקים און פונעם הייליגן רוז'ינער, און בזכות זה האט ער זוכה געווען צו ראטעווען

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבת קודש פרשת ואתחנן י׳ מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

די משפחה און מאכן זיין חבר פאר א בעל תשובה און פאר א הייסן רוז׳ינער חסיד.

**דער מוסר השכל: די שטארקע השפעה פון די סביבה וואו א מענטש דרייט זיך**

הייליגע, לעכטיגע, זיסע קינדער, וואס זעען מיר פון דעם? מען זעט די השפעה וואס יעדער זאך האט אויף א מענטש. אויב א מענטש דרייט זיך אין מחלוקת, אין קריגעריי, אין עצבות ומרה שחורה, אדער אין אראפגעלאזטקייט, ווערט מען אזוי. ווען א מענטש דרייט זיך אין נישט קיין ריינע פלעצער, אין נישט אויסגעהאלטענע פלעצער, ווערט מען חלילה נשפע.

אבער ווען א מענטש לעבט אין פנימיות, ער לעבט אין אמונה, שלום, בטחון און שמחה; ער לעבט אין ״וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳ אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם״; ער לעבט פאזיטיוו, ער לעבט אין גאולה, ער לעבט אין חיזוק, ער לעבט אין שלום, ער לעבט אין רעספעקטירן און חשיבות און קיום התורה, ער לעבט אין קוראזש, ער לעבט אין ליבשאפט צום אייבערשטן, צו די תורה, צו אידישע קינדער, ער לעבט אין דערהויבנקייט, הייליגקייט און לויטערקייט – ווערט מען אזוי, מען ווערט נשפע.

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען טאקע אין גלות, מיר זענען אין א שווערן גלות, אבער מיר דארפן נעמען אויף זיך דעם עול התורה והמצוות צו לעבן אין שמחה, שלום, אמונה, בטחון, פנים מאירות און חיזוק; זיך צו שטארקן און שטארקן יענעם. זיך צו הייליגן און הייליגן יעדן ארום אונז, און לעבן אין העכערקייט, לויטערקייט, ריינקייט און קדושה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ״נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם״, דער אייבערשטער טרייסט אונז. דער אייבערשטער זאגט אונז אז ״ואנכי הסתר אסתיר״, דער הייליגער באשעפער געפינט זיך אין יעדע הסתרה. עס איז נאר דא גוטס, עס איז נאר דא אור, עס איז נאר דא שמחה, עס איז נאר דא ״עז וחדוה במקומו״. מיר גרייטן זיך צו די הייליגע טעג מיט חיזוק, מיט שטארקייט, מיט שמחה און מיט פרייליכקייט. לאמיר זיך אלע מחזק זיין און מחזק זיין אנדערע אידן; נאר לעבן מיט חיזוק, נאר לעבן מיט גוטס טון איינער פארן צווייטן, רעדן גוט און טראכטן גוט. און עס איז גוט, עס איז געווען גוט, עס וועט זיין גוט, און עס איז גוט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דעם שבת איז א ״מזמור לתודה״ שבת, ארויסצוברענגען נאר רחמים וחסדים, צו רעדן נאר פון רחמים וחסדים, און זינגען און טאנצן א מזמור לתודה מיט נגינה, שבח והודאה פארן הייליגן באשעפער, ברוך הוא וברוך שמו. מיר האלטן שוין דא; דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז אלעס זאל נתהפך ווערן לטובה ולברכה, לששון ולשמחה, לישועה ולנחמה. פועל׳ט אלעס גוטס און כל מיני ישועות און א לעכטיגקייט תמיד, אמן כן יהי רצון. גוט שבת, גוט שבת.

## **זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**